№ 143 פרייז 3 קאפ. Lodzer Tageblatt.

לאָדזער טאַגעבלאַט

אבאנעמענטס-פרייז: אין לאדז: א יאהר 8 רובל, א האלב יאהר 4 רובל, א פערטעל יאהר 2 רובל, א חודש 70 קאפ. אין אויסלאנד: א חודש 1 רובל 25 קאפ. איינצעלנע נומער קאסט 15 ק. אדרעס פון דער רעדאקציע און אדמיניסטראציע Лодзь, Петроковская 16. אדרעס פאר דעפעשן: Лодзь. Тагеблатъ

רעדאקציע און אדמיניסטראציע
פעטריקויער 16, טעלעפאן 867.
פיליע אין וואַרשוי:
ח. רייזנער, טוואַרדא 28, טעל. 17-68.

אנאנסען-פרייז: א שורה פעטיט אין טעקסט 1.20 ערשטע און דריטע זייט 60 ק. לעצטע זייט 30 קאפ., גראטולאציאנען פערלאבונגס און חתונה-אנזאגען 1-טע זייט 1.50—לעצטע זייט 1 רובל. ניט פאנגעמאנע ארטיקלען ווערען ניט צוריקגעשיקט. פאר'ן אינהאלט פון אנאנסען איז די רעדאקציע ניט פעראנטווארטליך.

20 יוני 8 יולי 1914. פרייטאג ט' תמוז תרע"ד זיבענטער יאהרגאנג

צו דעם אטענטאט אויפ'ן טהראנפאלגער.

די געשעהענישען אין סאראיעוואָ.—ערקלערט קריעגס-צושטאנד אין גאַנץ באסניען.—

סענסאציאנעלע ענטדעקונגען וועגען דער פערשווערונג.

די אויספארשונג וועגען אטענטאט.

סאראיעוואָ (פ.) די רעזולטאַטען פון דער אויספאָרשונג ווערען געהאלטען בסוד. די אויספאָרשונגס-מאכט האט פעסטגעשטעלט, אז גאברינאָוויטש און פרינציפּ זענען אונטערגעקויפט געווארען אין בעלגראד פון מיכאַ ציגאַנאָוויטש'ן, וועלכער האט זיי געגעבען באמבעס און רעוואָלווערן. פרינציפּ האט ערקלערט, אז אין אנהייב האט ער געוואָלט אויספיהרען דעם אטענטאט אין שארטשיני אין דער הויפּט-קוואַרטיר פון דעם קאָמאנדירים פון די מאנעווערס. נאָר ער האט זיך דערפון אבגעזאגט צוליעב די פּאַרוּכעס-מיטלען, וואס זענען אנגענומען געווארען מצד דער מיליטער-מאכט. בנוגע פיעל ארעסטירטע איז ביז אהער געלונגען פעסטצושטעלען, אז זיי זענען בעקאנט מיט גאבריגאָוויטש'ן און מיט פרינציפּ'ן.

ווין (פ.) „קארעספאנדענץ ביוראָ" מעלדעט, אז די צייטונגען רופען זיך אב מיט עמפּערונג איבער די ערקלערונגען פון עטליכע סערבישע בלעטער וועגען אטענטאט אויפ'ן עסטרייכישען טהראָנפאלגער. די צייטונגען בעלײדיגען אויף א שארפען אופן די מאָנאַרכיע און פערטיידיגען דאס פערברעכען.

קריעגס-צושטאנד אין באסניען.

סאראיעוואָ (פ.) צוליעב דעם, וואס די אונרוהען דויערען ווייטער האט דער נאטשאלניק ערקלערט איבער גאנץ באסניען קריעגס-צושטאנד.

סאראיעוואָ (פ.) אין מאזלאי און טוזעל זענען פארגעקומען שטורמישע מאניפעסטאציעס. אין גוזעל איז צו די דעמאנסטראנטען אויך צוגעשטאנען א באנדע, וואס איז בעשטאנען פון ציגײנער, וועלכע האבען געגעבען א שטארקען ווידערשטאנד דער פאליציי. ס'זענען פארגעקומען מאסען-ארעסטען. אום צו פערהיטען פון נייע אונרוהען האט מען ערקלערט קריעגס-צושטאנד.

אַנטיסערבישע דעמאנסטראַציעס.

זאגרעב (פ.) די אנהענגער פון דער כּראוואטישער פארטיי האבען געמאכט שטורמישע דעמאנסטראציעס געגען די סערבען. ס'האבען זיך געהערט אויסרופען: „ניעדער מיט די סערבען!" „ניעדער מיט'ן קעניג פעטער!" „מיר וועלען נקמה נעהמען פאר'ן כּראוואטישען טהראָנפאלגער!" דער המון האט צוראבירט די סערבישע רעסטאראנען. די פאליציי איז געצוואונגען געווען זיך צו בענוצען מיט געוועהר, ס'זענען פארהאן פיעל פערוואונדעטע. די דעמאנסטראנטען האבען אויסגעבראכען די שויבען אין הויז פון בירגערמייסטער און אין דער רעדאקציע פון ארטיגען סערביש-כּראוואטישען ארגאן „פּאָקרעט" און אין הויז פון דער סערבישער געמיינדע. דער המון האט אויך צוראבירט דאס בנין פון פאריינען פון כּראוואטישען לאנדטאג, דער פיהרער פון סערבישער פארטיי מעדאקאוויטש.

סאראיעוואָ (ספ.) אין פערשיעדענע קליינע שטעדט פון דער פראווינץ זענען פארגעקומען אנטיסערבישע דעמאנסטראציעס.

סאראַיעוואָ.
לינקס דער ארט נעבען דעם בריק, וואו דער אטענטאט איז פארגעקומען.

אַ גראנדיעזע סערבישע דעמאנסטראַציע.

סאראיעוואָ (ספ.) פון סאראיעוואָ מעלדעט מען, אז דארט האבען די סערבען געמאכט א שטורמישע דעמאנסטראציע געגען די קראאטען. די דעמאנסטראנטען האבען גערופען: „מיר האבען פאר קיינעם קיין מורא נישט! אין עטליכע טעג וועלען אנקומען סערבישע סאלדאטען פון 20,000 מאן, וועלכע וועלען נקמה נעהמען פאר דעם אונרעכט און וועלען בעזעצען די אלע סערבישע פראווינצען".

איינער א דעפּוטאט האט געהאלטען אן'אויפרייצענדע רעדע וועלכע האט געהאט כּמעט דעמזעלבען אינהאלט. דעם דעפוטאט האט מען ארעסטירט. ווי מ'רעכענט וועט מען איהם אויפ'ן גרונד פון קריעגס-צושטאנד דערשיסען.

געבראַכט די טויטע קערפּערס קיין טריעסט.

טריעסט (פ.) ארום האלב אכט אין אָוונד איז אנגעקומען די קריעגס-שיף „וויריבוס אוניטיס" אויף וועלכער מ'האט געבראכט די טויטע קערפּערס פון ערצהערצאָג און זיין פרוי. די שיף איז בעדעקט געווען מיט מיליטער-פאַחנען, פון דער שיף האט מען די טויטע קערפּערס אריבערגעפיהרט אויפ'ן ברעג. ביי הארמאטען-סאַליוטען פון די קריעגס-שיפען און אונטער דעם קלאנג פון גלאָקען איז פארגעקומען די פּראָצעסיע, וועלכע איז אוועק אין דער ריכטונג צום דרום-וואקזאל. נאכדעם ווי מ'האט די טויטע קערפּערס ארויפגעלעגט אויף דעם קאטאפאלק און אריינגעטראָגען אין וואַגאָן האט דער בישוף אבגעריכט א תפלה. פון דאנען איז דער טרויער-צוג אבגעפאהרען קיין ווין.

דער ערצהערצאָג וועט קיין לעבעדיגער ניט אַרויס.

עַנטדעקט די באמבעס וואס מ'האט צוגעגרייט פאר איהם.

ווין (פ.) די „נייע פרייע פרעסע" מעלדעט פון סאראיעוואָ, אז מ'האט צוגעגרייט נאך א גאנצע רייה אטענטאטען, וועלכע וואלטען אויסגעפיהרט געווארען אין פאל, ווען דער ערצהערצאָג וואלט אונבעשעדיגט צוריקגעקעהרט פון ראטהויז אין קאנאק.

אונטער א טיש, וואס איז געדעקט געווארען פאר א פריהשטיק פאר'ן ערצהערצאָג האט מען אַוועקגעלעגט צוויי באמבעס מיט א זייגער-מעכאניזם.

אין קאנאק האט מען געפונען א דריטע באמבע אין רויך-צימער און 7 באמבעס האט מען געפונען ביי א געוויסער פרוי איליטשע.

אַ סענסאַציאָנעלע ערקלערונג פון ערצבישאָף פון סאַראַיעוואָ.

ווין (ספ.) דער ערצבישאף פון סאראיעוואָ שטאדלער האט עפענטליך ערקלערט, אז דער טויט-אורטייל געגען ערצהערצאָג איז שוין מיט א צייט צוריק צוגעגרייט געווארען פון דער ראדיקאל-סערבישע ארגאניזאציע און וועגען דעם האט אויך געוואוסט דער ערמארדעטער בעת ער איז געפאהרען קיין באסניען. ער וואלט אויף קיין פאל נישט אויסגעמיטען דעם טויט, ווייל אין אלע ריכטונגען, וואו דער ערצהערצאָג האט נאר געזאָלט פאהרען זענען געשטאנען פערשווערער מיט באמבעס און רעוואָלווערען. אונטער די רעלסען פון דער אייזענבאהן, וואו מ'האט געזאָלט פאהרען דער ערצהערצאָג זענען אונטערגעלעגט געווען מינעס. די פערשווערער האבען געוואוסט פון דעם גאנצען פּראָגראם, וואו דער ערצהערצאָג האט געזאָלט פערברענגען אין באסניען. זיי האבען געוואוסט גענוי, וואוהין ער וועט פאהרען און אין וועלכער צייט און לויט דעם האבען זיי געמאכט די נויטיגע הכנות צום אטענטאט.

א חוץ דעם האט דער בישאף ערקלערט, אז די צוויי אנפאלער, וואס האבען געשאסען אויפ'ן אויטאמאביל האבען זיך דאן בעהאלטען צווישען פּובּליקום. געשאסען האבען זיי מיט דום-דום קוילען. אזוי ווען דער ערצהערצאָג וואלט זאָגאר לייכט פערוואונדעט געווארען, וואלט ער אויך געשטארבען.

דער היינטיגער נומער ענטהאלט 10 זייטען.
Въ сегодняшнемъ номерѣ 10 страницъ

גענגען פרויען-קראנקהייטען
בעזונדער ביי חראנישע ענטצינדונגען, פעריאָד-שטערונגען, סטעריליטעט, וואו ערקראנקונגען פון בלוט, גיכט, ראמאטיזמוס, נערווען-קראנקהייטען א. ז. וו.
געגען הערץ-קראנקהייטען
אינסופיציענץ פון הארץ (הערצשוועכע), הערץ-מוסקעלן-ענטצינדונג, פעהלער פון הערצקלאפען, הערצנוראָזע, ארטעריאסקלעראָזע, פעט-הארציגקייט א. ז. וו.
FRANZENSBAD
(פראנצענסבאד)
פראספערט אויספיהרליך און רייך אילוסטרירט, צו בעקומען אומזיסט דורך די קור-פערוואלטונג.
5631

אטוואצק
סאנאטאריום פון ד"ר פשיגאָדא אייגענטליכע מיט דעם גרעסטען קאמפארט אויף דעם אויסלענדישען ארט. 8 פאוויליאנען, 1 פאוויליאן ספעציעל פיר געזונדע, זארגפעלטיגע ערצטליכע בעהאנדלונג. נעננוע אויס-קונפט אויפ'ן ארט אדער ביי ד"ר פרושיגאָדא, ווארשא, עריוואנסקא 4.
5026 52 25

די הויפט-אַגענטור דער
פערזיכערונגס-געזעלשאפט
L'URBAINE אין לאָדז
מאכט בעקאנט, צו אלגעמיינער קענטניס דאס פון 6 יולי ד. י. ווירד דאס ביוראָ איבערטראגען פון דושעלנא 88 אויף
דזשעלנא 2a אין הויז אייזנער.
פערוואלטער סעווערין ראַיגראָדזקי.
5865

נאוואמיעסקא 6
פאסט-עקספּעדיציאנס-ביוראָ
פון ה. פרענקעל
אננאהמע צו בעזאָרגען געלד, זאקאזנע בריעף, פאסילקעס, אבצונעהמען געלד פון דער פאסט שנעל און פראמפט. בעזאָרגע אויך זאקאזנע און געוועהנליכע בריעף צו אלע באהנען מיט א האלבע שעה פאר'ן צוג-אבגאנג. פאסילקעס און פאקעטען קענען אויך ביי מיר פערפאקט ווערען. אפען טעגליך פון 8 פריה ביז 10 אבענדס.
5567

געגען 50 ר' בעלאָהנונג
זונטאג אין אבענד איז אין אדעלמוועק (אום זגערזשער וועג) פערלוירען געגאנגען א שווארצער לעדערנער פּארטפעל מיט איינינגע און צוואנציג וועקסלען. אויף דער סומע פון 1600 ר' און ווי אויך אנדערע דאקומענטען. פיר אנקויף פון די דאקומענטען ווערט געווארנט. און זיי ווערען אויך אלס אונגילטיג ערקלערט ווייל געריכטליכע שריטע זענען שוין פארגענומען געווארען. דער עהרליכער פינדער ווערט געבעטען עס אבצוגעבען געגען בעלאָהנונג צו ש. ראָזענבלום, ווידזעווסקא 18.
619 2 2

ווישי
די איינציגע עכטע ווישי-וואסער פראנצויזישע מלוכה-קוועלען
צעלעסטין
גראנד גרילע
האָפּיטאַל
דער נאמען פון יעדער קוועלע געפינט זיך אויף דער עטיקעטע. אויפ'ן קאפסעל און אויף'ן קארק פון פלאש.
יעדע פלאש בעזיצט אויפ'ן העלזעל א בלויען רעדעל, ווי דא אין דער זייט, וועלכע גאראנטירט די ריכטיגקייט.

פראָדוקטען פון זאלץ ערהאלטען פון די קוועלען ווישי עטאַט
זאלצען, פּאסטילען, קאמפרימעס.
5123 12 7

צו דער פערלאבונג פון אונזער געעהרטען מיטגליעד
ה' חיים חענטשינסקי
מיט פרל. שפרה אניץ
גראטולירען הערצליך:
מנשה מלאַטיק,
יוסף אליהו קאהן עט ברויט
גדליה אײלבאם,
אברהם גראשקי
חברה תפארת בחורים.
33

Dr. med. H. Rożaner
ד"ר מעד. ה. ראזשאַנער
ביז'ן 30 יולי ציגעלשטר. 4 טעל. 88-31
לענגערע צייט ג. אסיסט. פון דער בערלינער קליניק. ספעציעל-ארצט פיר הויט און ווענערישע קראנקהייטען. נייעסטע מעטאדען צור היילונג פון כראנישען טריפער (נאך בראנס) און סיפילים (קאמפליצירטע בעהאנדלונג) מענער-שוועכע, בעלייכטונג פון הארן-קאנאל. היילונג פון האר-אויספאלען. שפרעכשטונדען פון 8—12 און 4—8½ נאכם.

ווינטשען פיר גליקליכע נאכט אין איהר נעגענד.
די דיפלאמירטע פון יעקאטערינאסלאווער אוניווערסיטעט
אקושערקע
רבקה בארישאנסקע-באטווינניק
מיט 18-יאהריגע פראקטיק וואהנט יעצט אויף גלובנע 41. היילט און גיט ראט פיר פרויען טעגליך פון 5 ביז 7 אווענדס.
*5256

ה. יאַנאַטאַ בזאָווסקי
ארכיטעקטאר שטעדטישער (7 צירקעל)
האט זיך איבערצויגען פון צעגעלניאנא 114 אויף וואָלטשאַנסקא 63, וואוהנונג 2. דאס ביורא איז אפען פון 9—10 פריה און פון 4—6 נאכמיטאג.
994 5 2

Zur Hochzeitsfeier von Frl.
IDA GELBLUM
mit meinem Cousin
MATIAS FREIND
gratuliert herzlichst
A. Tencnbaum jr.

צו דער פערלאבונג פון מיין ליעבע שוועסטער חנה גלובניצקא
מיט מיין קוזען
משה ליב גלובניצקי
גראטולירען הערצליך און ווינשען עווינעם גליק
יצחק גלויבניצקי עט ברויט.
035

ליזער בלאך
פעריל מארקאוויטש
פערלאבטע
קאליש שיערדז
זונטאג 28 יוני 1914.
5804

Dr. D. ALTERMAN
דר. ד. אלטערמאַן
נאוואמיעסקא 6, טעלעפ. 84-10.
אינערע ספעצ. הערץ- און לונגען-קראנקהייטען. עמפפאנגט ביז 11 אוהר פריה און פון 5—8 נאכמיטאג.
*1740

Dr. med. J. Leibowicz
ד"ר מעד. י. לייבאוויטש
דזיעלנא 34
אסיסטענט פון פראפעסאר קיסטנער אין (ברעסלוי), האט זיך בעזעצט אלס ספעציאלארצט פאר אקושעריע און פרויען-קראנקהייטען, הארנקראנקהייטען דער פרויען. שפרעכשטונדען: ביז 10 פריה און פון 4 ביז 6 נאכם.
26 5695

ווער קען נאך ניט די
אויסגעצייכנעטע
פאפיראסען
№ 6
10 שט. 6 קאפ.
גיעז „לאפערם"
צו פערמיעטען
2 צימער און קיכע מיט בעקוועמליכקייטען, 3-טען שטאק, נאוואמיעסקא 10. צו ערפאהרען ביים ווירט.
031 2 1

ד"ר טראַכטענהערץ
Dr. Trachtenherz
זאוואדזקא 6. טעל. 84-76
געוו. אסיסטענט דער פעטערסבורגער ספעציעלען שטאדט שפיטעלע. ספעציאל-ארצט פיר סיפיליס הויט ווענערישע קראנקהייטען אונד מענערשוועכע. בעהאנדלונג נאך ערליך האטא 606— 914 היילונג מיט עלעקטריזיטעט. שפרעכשטונדען פאן 8—2 און 6—9 דאמען פאן 4 ביז 5. בעזאנדערע ווארטע-צימער
*1468

לעזט היינט אונזער אנאנס וועגען „שלום-קופאן"

דער שטרייק פון די פּאָסט־בעאַמטע.

(אַ בריעף פון פּאַריז.)

דער פראנצויזישער בירושעט מאכט איצט דורך אַ שווער שטוקעל צייט. אלע קוואלען פון שטייער און אָבצאָהל זענען אָפּען, און קיין געלד איז אלץ ניטאָ גענוג. דער בירושעט הינקט צו, סך־הכל אויף מעהר ווי אַ מיליארד פראנק. דער שולדען־פנקס פילט זיך אָן אלץ מעהר און מעהר מיט גרויסע ציפערען, און יעדער ציפער שלעפּט מיט מיט זיך אַ שווערען וואגאָן „נולען", וואָס מוזען געצאָהלט ווערען—ווען ס'רוקט אָן די צייט—מיט אמת געלד.

די לאַגע,—דאָס איז דער אויסרייד, אונטער וועלכען עס האבען זיך פערשטעלט די פראנצויזישע סענאטאָרען, ווען זיי האבען ענטזאָגט די פּאָסט־אנגעשטעלטע די 100 פראנק הוספה אויף דירה געלד, וואָס די האבען געבעטען, און דער פארלאמענט האט עס אנגענומען. דער סענאט וויל זיין שפּאָרזאַמער ווי דער פארלאמענט. די אָרימע אנגעשטעלטע ווייסען אבער, אז דירות ווערען וואָס אמאל טייערער און פאר 400 פראנק אַ יאָהר איז עס מעהר אין פּאריז ניט צו געפינען. אויך ווייסען זיי, אז זיי זענען ביליגער פון די אלע נוציגע הוצאות וואו די רעגירונג בעגראבט אזעלכע שווערע קאפּיטאלען. אויב דער סענאט האט געהערט די אָפיציערען און אונטעראָפיציערען, פארוואָס זאָלען זיי אנדערש בעהאנדעלט ווערען?

דאָס האט ארויסגערופען אונצופרידענהייט ביי די פּאָסט־אנגעשטעלטע. מיט'ן ציטרוי אין מיטגעפיהל צום אונטערגעגראבענעם בירושעט, קאָן מען דערווייל נאך אלץ די דירה ניט צאָהלען. די בעלי־הבתים נעהמען נאך ניט אַזאַ געלד.

די אונצופרידענהייט האט, אלזא, דינסטאג דעם 23־טען געוויזען פאקטישע סמנים. ארום זייגער 7 אין אבענד האבען זיך אלע אנגעשטעלטע פערזאמעלט אין צענטראַל־פּאָסט, און האבען די בריעף ניט געלאָזט פונאנדערשיקען. די ארבייט איז מאמענטאל פאראליזירט געוואָרען. אויף מארגען אַ זייגער 5 אין דער פריה זענען זיי שוין אלע אין פּאָסט געזעסען. זיי האבען בכיון געארבייט לאנגזאמער ווי געוועהנליך, כדי צייט צו געבען, זיך מיט זיי איינצוגלייכען. קיינער האט עס אבער ניט געפּרובט אויף אַ אנשטענדיגען אופן. עס זענען אָנגעקומען שפּעטער, עטליכע בריגאַדעס פּאָליציי און האבען די פּאָסט ארומגערינגעלט, ווי אין אַ מלחמה־צייט. מ'האט די שטרייקער'ס איינגעשלאָסען איינוועניג און פערהינדערט די טהירען, ניט מ'געהט אריין, ניט ארויס. אין גרוים איילעניש האט מען אָבער פערגעסען אין די אויבערשטע פענסטערס, וואָס קאָנען ווערען בשעת הדחק—טהירען. די אָנקומענדע האבען עס אבער בעמערקט, און האבען זיך אזוי, אריינגעכאַפּט איני־ווייניג. איינגעשלאָסען זענען די שטרייקער געזעסען ביז וואנען דער מאגען האט זיי דערמאָהנט, אז זיי זענען הונגעריג. פאסטען האָבען זיי קיין חשק דאָך ניט געהאט. האט מען זיך פּלוצלונג דערמאָהנט אָן אלטען מיטעל, וואָס איז אויסגעפונען געוואָרען אין דער גרויסער פאריזער רעוואָלוציע, און מ'האָט אראָבגעלאָזען שטריק צום עולם... יעדער האט זיי אָנגעשעפּעט וואָס נאָר ער האט געהאט. אַ לאַבען־ברויט, אַ הערינג, אַ פלעשעל וויין, אלץ וואָס איז נאָר צו עסען און טרינקען. די פראנצויזען זענען ניט קיין איבערקלויבערס, בפרט נאך אין געפענגניש... פון דער צווייטער זייט—פון דער גאס זשאן־זשאק רוססאָ, האט מען זיי אויך אריבערגעגעבען דורך די רעבער וואָס נאָר ס'איז מעגליך געוועזען. פראנצויזען זענען גרויסע בריה'ס אויף אזעלכע שפּילערייען און אינטערעסאנטע זאכען.

די פּאָליציי, וואָס האט פערמאַכט פון אנהויב איין אויג — און האט אפשר טיעף אין זיך אונטערגעשמייכעלט אויך, האט באלד ביידע אויגען אויפגעריסען. זי האט זיך געפונען בעליידיגט פון דעם שפּאַס. איינער אַ פּאָליסמאַן האט זיך טאקע, פאר גרוים כעס—אזוי „צושפּיעלט", אז אַ סאציאליסטישער דעפּוטאט, וואָס האט עס גראדע צוגעזעהן, האט איהם געמוזט בערוהיגען.

געזעהן אז די מאניפעסטאציע נעהמט אָן אַ שארפען כאראקטער, און די סימפּאטיע פון פּובליקום איז אויף זייער זייט, האט דער האנדעלס־מיניסטער טהאָמסאָן בעשלאָסען צו מאכען אנ'ענדע פון שטרייק. — געקומען איז ער שוין אַ ביסעל ווייכער און נאָכגיביגער ווי נעכטען. די גערעכטע עקשנות פון יענע האבען זיין שטאָלץ אביסעל געבראָכען. די איינוועניגסטע האבען אויספּראָוויזירט אַ מיטינג מיט אלע פּישטשעווקעס און האבען ארויסגעשיקט אַ דעלעגאציע צום האנדעלס־מיניסטער. דער מיניסטער, האט זיך געזעהן מיט'ן פּרעמיער וויוויאַני, און האט אויפגענומען די דעלעגאציע.

די דעלעגאציע איז פון דער אונטערהאנדלונג ארוים צופרידען. דער מיניסטער האט זיי בערוהיגט און פערזיכערט, אז ער וועט טהון אלץ, אז זייער פאָדערונג זאָל ערפילט ווערען, ווען זי וועט צום צווייטען מאָל קומען אויף דער טאגעס־אָרדנונג אין סענאט. די ידיעה איז זיך באלד צופלויגען צווישען די אנגעשטעלטע און מ'האט זיך גלייך, אַ נעהם געטהון צו דער ארבייט. ניט שטרייקען האָבען זיי אייגענטליך געוואָלט, נאָר צו צוציהען די אויפמערקזאמקייט אויף זייער פאָדערונג. די פערשפּעטיגטע בריעף זענען אויסגעטיילט געוואָרען, און די־הרעזאָרדקייט און פלייס האט אומעטום געהערשט. 4 מיליאָן בריעף האבען זיך פאר דער קורצער צייט אנגעזאמעלט. שוין 4 אַ זייגער נאָכמיטאָג. זענען אלע בריעף צוטיילט געוואָרען און די פאריזער געשעפטס־לייט, האבען ענדליך בעקומען די בריעף, וואָס זיי זענען אין דער פריה—אומזיסט געקומען זוכען אין דער פּאָסט.

אזוי האט זיך געענדיגט דער שטרייק, וועלכער וואָלט געקאָנט האבען אזעלכע ערנסטע פאָלגען.

האט ער זיך טאקע „געענדיגט"?

אלענפאלס האט זיך דערווייל די כוואליע פון אונצופרידענהייט געליינט, און דער טייך פליעסט זיך ווייטער, שטיל און רוהיג, ווי ס'וואָלט קיינמאָל קיין שטורם ניט געווען.

דער מינדעסטער ווינד קאָן איהם אָבער אויפרוהרען אויף דאָס ניי.

פּאריז. ג. פראנק.

קליינער פעליעטאָן.

לאָדז—אַ גובערניע.

שוין שענע חדשים ווי עס טומעלט זיך וועגען דעם אין די צייטונגען, און אָט היינט שוין אָן אנצוקומען ידיעות, אז דער דאָזיגער פּראָיעקט האלט ביי'ם פערווירקליכט ווערען.

און לאָדז וועט ווערען אַ גובערניע... אָט דאָס דאָזיגע דאָרף לאָדז די „לאָדזשי" (ווי עס האט געהייסען פאר יאָהרען צוריק לויט די היסטאָריקער) וועט איצט ווערען אַ גובערניע־שטאָדט. אלטע מענשען אין לאָדז וועלען לאכען, זיי געדענקען נאך דאָס פּיצעלע לאָדז, דאָס דערפּיל—און אָט נאָ דיר גאָר אַ גובערניע, אזא שפּרונג.

עס איז די געשיכטע פון אנ'אויפגעקומענעם נגיד, אַ מענש צי אַ שטאָדט —ביידע האבען איין גורל. דער אויפגעקומענער נאָכדעם ווי ער האט שוין אונטער זיך אַ ברייטען מאטעריעלען מצב הייבט אָן צו זוכען פאר זיך כבוד, טיטלען, ער מאָהנט עס זאָגאר, מיט'ן כח פון זיין געלד.

אין לאָדז, אויך אזא אויפגעקומענער גביר, האט איצט נאָכדעם ווי זי איז אזוי אויסגעוואקסען אויך אנגעהויבען צו מאָהנען טיטלען און כבוד. פאר לאָדז פאסט נישט צו בוקען זיך פאר דעם קליינעם שטעדטיל פּעטראָקאָוו, און טאקי מיט אַ טענה:

— ווער ביזטו און ווער בין איך. דו ביזט אַ קליין שטעדטיל און איך לאָדז—אַ וועלטס־האנדעל־שטאָדט.

עס איז די זעלבע „אלטע מעשה", וואָס עס דערצעהלט אזוי שיין אונזער זיידע ר' מענדעלי: אַ מעשה מיט אַ גלגול פון אַ פערדאָן. פריהער אין ערשטען גלגול איז ער געווען אַ וואָרים און געהייסען יענקיל אדער גאָר פשוט יאנקיטש. געוועזען אַ קליין משרת'ל, געקראָכען אויפ'ן בויך א. אז. וו.

אז דאָס מזל האט אָנגעגליקט איז ער אריין אין צווייטען גלגול—ר' יענקעל, אַ יוד מיט אַ סך געלד אבער נאָך נישט מיט קיין גרויסע פּרעטענזיעס.

נאָר באלד האט זיך דאָס געענדערט און פון ר' יענקיל'ען איז געוואָרען— ר' יעקב—אַ יוד וואָס קריכט שוין אלע אויפ'ן קאָפּ, זאָגט אומעטום אַ דעה.

ר' יעקב קאָן שוין זינגען, ר' יעקב פּסקנ'ט שוין שאלות, ר' יעקב איז שוין אַ גרויסער בעל־צדקה, ר' יעקב איז שוין אַ מבין אויף לערנען א. אז. וו. א. אז. וו.

האט נישט אַ מאָל אונזער לאָדז אויך דורכגעמאכט די דאָזיגע דריי גלגולים?...

*

און לאָדז וועט ווערען אַ גובערניע...

כ'וויל שוין נישט רעדען פון דעם ווירקליכען גרויסען נוצען, וואָס עס וועלען האבען דערפון אונזערע לאָדזער בירגער—וועט עס גלאַט זיין אַ שטיקעל שפע פאר לאָדז.

ראשית וועלען צוקומען עטליכע שענע בנינים אין אונזער שטאָדט, און דאָס איז פאר לאָדז אַ גאנץ גרויסע מעלה.

צווייטענס וועלען אונזערע ווירטס־לייט זיך באלד נעהמען צו העכערען דאָס דירה־געלד.

דריטענס וועט זיך באלד שאַפען אַ גאנצע קאטעגאָריע מענשען וואָס „וועלען זיך דרעהען ארום דער גובערניע".

פאר אונזערע מסירה'לעך־שרייבער וועט עס גלאט זיין אַ גליק, וואָס זיי וועלען האבען די גובערניע אונטער דער נאָז—נאָר ווער ווייס, אפשר פונקט פערקעהרט, אפשר טאקי, אז זיי וועלען האבען די גובערניע אונטער דער נאָז וועט זיך זיי דאָס דערעסען און זיי וועלען שוין נישט פיהלען אין דער עובדא דעם גרויסען טעם, פון פאָהרען ספּעציעל מיט אַ מסירה'לע אין מאַש פון לאָדז קיין פּעטריקאָוו.

אין דעם פאָהרען ספּעציעל, פערשטעהט איך, מוז ליגען גאָר אַ בעזונדערער יצר־הרע. עס מוז זיין פיעל געשמאקער...

*

דאָס איז בערך ווי עס וועט זיין די ווירקליכקייט, נאָר אפשר קאָן מען גאָר פאנטאזירען אַ סך וועגען לאָדז אלס גובערניע־שטאָדט.

אפשר וועט מען דאַן ארויסגראָבען פון דעם פּאק פּראָיעקטען... דעם קאנאליזאציאָנס־פּראָיעקט... און דער אינזשענער לינדליי וועט אפשר שוין דאָך אַ מאָל קומען קיין לאָדז...

און אפשר וועט מען אויך מאכען אַ סקווער אויף דער נייער שטאָדט און אין 25 יאָהר ארום וועט מען דאָרט צו טרעטען צו פערפלאנצען דריי פערדאַרטע בוימלעך.

און אפשר וועט נאָר דער אָרט, וואו עס איז איצט דער פישמארק אויף דער וסכאָדניא גאַס פערוואנדעלט ווערען אין אַ טייערען גאָרטען פון רייזען...

און אפשר וועט מען נאָך בענייען די יונגער פון דער לודקא, וואָס האלט שוין ביי'ם אָבשטאַרבען און מען וועט פון איהר מאכען—אַ ווייכסעל.

און אפשר וועט מען נאָך איבערטראָגען אלע פאבריקען אונטער'ן שטאָדט און אין לאָדז וועט מען נישט זעהען קיין שום רויך...

און אפשר...

יאָ, לאָדז קאָן ווערען פון אַ דאָרף — אַ גובערניע, אָבער וועט נאָך לאָדז זיין אַ מאָל אַ שטאָדט פון לופט מיט וואסער? — — —

צבי.

אַלעזענען איבערצייגט ט ז!

קנייפּ'ס זייף

בעזייטיגט

זומער־שפּראָסען, פּרישצעס, וואָגנערס, פּייכטע און טרוקענע לישאַיעס און אלערליי אונריינגקייט פון דער הויט. 5356

קנייפּס זייף איז אנערקענט פון די גרעסטע דאָקטוירים

וועלט־נייעס.

4000 פרויען אויסגעקומען אין לאָנדאָן אין פערלויף פון 1 יאָהר.

אנ'אינטערעסאנטע סטאטיסטיק האט איצט פערעפענטליכט דאָס ענגלישע אינערן־מיניסטעריום איבער די אויסגאבען פון דער לאָנדאָנער פּאָליציי. אין דער גרויסער שטאָדט פון 7 מיליאָן איינוואוינער קומען יעהרליך אוועק פיעל טויזענדער פרויען און מיידלעך. אין יאָהר 1913 זענען אוועקגעקומען 1083 מיידלעך יונגערע פון 16 יאָהר און 3017 פרויען. די פּאָליציי האט אנגעשטרענגען וועהר פיעל מיה ביז זי האט ענטדעקט אלע 1083 מיידלעך, די פרויען זענען געבליבען פאַרשטעקט אין געהיים. די סבה פון דעם פערשוויינדען פון די מיידלעך און פרויען זענען בלויז געבליבען פערשוויגען.

*

אנ'אויסטויש מיט די ווייבער.

אַ וועלטענע געשיכטע איז די טעג פארגעקומען אין ניו־יאָרק. צוויי זעהר אנגעזעהענע פערזענליכקייטען האבען זיך אויסגעטוישט מיט זייערע ווייבער. געשעהן איז עס אזוי: דער בעקאנטער אדוואָקאט ד"ר ווילליאם מייער'ס האט זיך אין חודש מערץ געג'ט מיט זיין פרוי. שפּעטער האט ער זיך בעגעגנט מיט דער פרוי פון ד"ר אסקאר דוגלאס און זיך אין איהר פערליעבט. אויך די פרוי האט איהם צוריק געליעבט און זי האט געגעבען מענה'ן מיט איהר מאַן, אז זי וויל זיך מיט איהם גט'ן. דערווייל האט זיך ד"ר דוגלאס בעקענט מיט מייער'ס געוועזענע פרוי און זיך אין איהר פערליעבט. דאַן האט ער זיך שוין געווען געג'ט מיט זיין פרוי. איצט האבען ביידע פּאָרען שוין געהייראט מיט זייערע ליעבהאבער. אזוי ארום איז פארגעקומען אנ'אמת'ער פרויען־אויסטויש.

פּרעזידענט ווילסאָן און דאָס יודענטום.

די טעג איז אין אמעריקא פארגעקומען אַ חנוכת־הבית פון אַ נייער אוניווערזיטעט. בעת דער פייערונג האט דער אמעריקאנישער פּרעזידענט געהאלטען אַ רעדע, אין וועלכע ער האט זיך אויסגעדריקט, אז די וויסענשאפט האט שטענדיג געגעבען די בעסטע רעזולטאטען, ווען זי איז געווען פעראייניגט מיט'ן קריסטענטום.

אין די יודישע קרייזען האט דער אויסדריק ארויסגערופען אַ שטאַרקען פערדראָס. ווילסאָנ'ען האט מען ביז איצט געהאלטען פאר אַ דעמאָקראט, פאר אַ מענש, וועלכער שאצט נישט איבער קיין שום אמונה איבער דער אנדערער, און דעריבער האט דער אויסדריק די יודען שטארק בעליידיגט. דער יודישער זשורנאליסט הערמאן בערנשטיין האט דעריבער צוגעשיקט דעם פּרעזידענט פאָלגענדען בריעף:

„פיעל געעהרטער הערר פּרעזידענט!

איך האב איבערגעלייענט מיט גרויס אינטערעס אייער רעדע בעת דעם חנוכת־הבית פון דער אוניווערזיטעט. און איך ערלויב מיר אייך איבערצופרעגען צי עס זענען ריכטיג די ווערטער, וואָס די צייטונגען האבען געבראכט אין אייער נאָמען: אז די וויסענשאפט האט שטענדיג געגעבען די גרעסטע רעזולטאטען ווען זי איז געווען פעראייניגט מיט דער רעליגיע, און די וויסענשאפט ווי איך ווייס איז שטענדיג פעראייניגט נאָר מיט'ן קריסטענטום".

איך בין זיכער, אז איהר ווייסט, אז די אמת'ע וויסענשאפט איז שטענדיג געווען דער מקור פון יודענטום, די רעליגיע וועלכע האט ארויסגעגעבען פון זיך דאָס קריסטענטום און דעריבער שיינט מיר, אז איהר האט נישט געדאַרפט אויסשליסען דאָס יודענטום פון די רעליגיעס, מיט וועלכער די וויסענשאפט איז געווען פערבונדען. איהר ווייסט וועגען די הויכע געפיהלען פון אכטונג, וואָס איך פיהל צו אייך אלס אַ גרויסען פּרעזידענט, אלס געעהרטען געלעהרטער און זעלטענער פערזענליכקייט. איך גלויב, אז איהר האט נישט געזאָגט אַזאַ בעמערקונג, וואָס שטימט נישט מיט דער ווירקליכקייט. אונטערגעשריבען אייער הערמאן בערנשטיין".

דער פּרעזידענט האט דערויף געענטפערט:

„פיעל געעהרטער ה' בערנשטיין!

איך בעדויער זעהר, וואָס איהר האט בעקומען אַ שלעכטען בעגריף וועגען דעם וואָס כ'האב געזאָגט אין מיין רעדע ביי דעם חנוכת־הבית פון אוניווערזיטעט. איהר מעגט זיין זיכער, אז עס איז מיר נישט איינגעפאלען צו רעדען אַ וואָרט געגען יודענטום.

די ווערטער, וואָס כ'האב געזאָגט האבען זיך ביי מיר ארויסגעריסען שלא בכוונה, ווייל כ'בין נישט געווען צוגעגרייט צו דער רעדע. איך מיין, אז די געפאהר — און צוזאמען דערמיט אויך די שטראף — פאר רעדעס, צו וועלכע מען האט זיך פריהער ניט צוגעגרייט, איז דער פאקט, וואָס מען קאָן גענוי נישט בעטראכטען די גאנצע מהומא און מען רעדט וועגען דעם וואָס עס פאלט אריין אין דער לעצטער מינוט נישט טראכטענדיג דעריבער קיין סך. מיט פילער אכטונג

וואודראָ ווילסאָן".

די פערענטפערונג פון ווילסאָנ'ען האט אַ ביסעל בערוהיגט דעם יודישען עולם.

די פערפירטע מוטער

34'

אדער

די אומגליקליכע טאָכטער.

אַ שפּאַנענדער ראָמאַן פון לאָדזער לעבען.

35. אין אַ משוגעים־הויז.

דער אומגליקליכער מאַקס האט ניט אויסגעהאלטען די שרעקליכע פּייניגע לייִדען און מאָראַלישע יסורים, וואָס ער איז אויסגעשטאנען אין די לעצטע פּאָר יאָהר,—און ער איז משוגע געוואָרען.

די ערשטע צייט איז נאָך די קראנקהייט ניט געווען אזוי שווער. אַמאָל איז ער אַ טאָג אָדער צוויי געווען מעלאנכאָליש און אויפגערעגט, און באלד ווידער פלעגט ער זיך בערוהיגען, אזוי אז מ'האט געקאָנט מיינען, אז ער איז ווידער געקומען צום קלאָרען פערשטאנד.

אין די ליכטיגע מינוטען, ווען זיין גייסט האט זיך אויסגעלייטערט אויף אַ ווייל, האט ער זיך געפרעהט מיט די קינדער און מיט דאָרא'ן פלעגט ער פערברענגען אזוי פריינדליך. און ס'האט זיך אויסגעוויזען, אז ער איז דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט. באלד אבער פלעגט ווידער אַ שווארצע נאכט איינהילען זיין קראנקען גייסט אין פינסטערניש, און דעמאָלט האט מאַקס ניט געוואוסט אפילו, צי ער לעבט אויף דער וועלט. האט קיינעם ניט דערקענט, פלעגט וויינען און לאכען, שרייען און ליאַרעמען און נאָכדעם אַ מאל טהון אַ מיעדער אַ מאַטער און אָבשלאָפען שעה'ן לאנג. מאָמענטענווייז פלעגט ער ווי אַ ווילדער ארומלויפען און שרייען:

— וואו איז מיין זוהן! ווער האט איהם ערמאָרדעט!

און אין אזוינע אויגענבליקען איז שווער געווען איהם צו בערוהיגען.

דאָרא פלעגט זעלטען אריינקומען צו איהם, און חאָטש ווען ער פלעגט זי דערזעהען איז ער געווען אזוי צערטליך און פריינדליך מיט איהר, אָבער דאָך האט מען בעמערקט, אז יעדעס מאל ווען זי פלעגט אוועקגעהן פון איהם פלעגט זיך פערשטארקען ביי איהם די אויפרעגונג. נאָר איין וואַרשאַוויאַק האט געהאט אויף איהם אַ גוטע ווירקונג.

אויף וואַרשאַוויאַק'ן פלעגט ער ווארטען מיט אונגעדולד, און אז וואַרשאַוויאַק איז איינמאָל אריינגעקומען אין אַ טאָג, ווען ער איז בייזונדערס ניידערגעשלאגען און פערמרה־שחורה'ט געווען, איז מאַקס פריהליכער געוואָרען, איז איהם אַרויפגעפאַלען אויפ'ן האלז און האט איהם געגעבען קושען.

— ליעבער פריינד,—האט איהם מאַקס געזאָגט, צודריקענדיג איהם צו זיך,—געהט ניט אוועק פון מיר... איך וועלף און שלאנגען... אָט זעהט איהר, זיי זענען שוין דאָ... ניט אַ קוק... אָט געהען זיי, אָט קריכען זיי... זיי ווילען מיך אומברענגען...

מאַקס האט זיך נאָך מעהר צוגעדריקט צו וואַרשאַוויאַק'ן און האט איני־גאנצען געציטערט.

— אָט זענען זיי דאָ!—האט ער זיך אַ ווילדען געשריי געטהון און האט זיך בעהאלטען אין אַ ווינקעלע.

וואַרשאַוויאַק האט איהם געפּרובט בערוהיגען, אבער ס'האט נאָר ניט געהאָלפען, דעם גאנצען טאָג האט ער געוויינט און געשריען און האט מורא געהאט אוועקצוגעהן פון דעם אָרט, וואו ער האט זיך בעהאלטען.

וואַרשאַוויאַק האט אריינגעפיהרט צו איהם זיין עלטערע טאָכטער זאָסיא, מיינענדיג אז דאָס וועט איהם בערוהיגען. אבער מאַקס האט זיך נאָר מעהר דערשראָקען און האט אנגעהויבען צו שרייען און צו ליאַרעמען.

— טרייבט זיי אוועק די טיגערס... די שלאַנגען...

און אז וואַרשאַוויאַק האט צוריק ארויסגעפיהרט זאָסיא'ן און איז צוגעגאנגען צו איהם האט מאַקס איהם ווידער אנגעהויבען צו קושען און צו האלזען און צו וויינען און בעטען זיך ביי איהם, אז ער זאָל איהם קיין שלעכטס ניט טהון.

און פּלוצלונג האט ער ווידער אנגעהויבען צו שרייען:

— וואו איז מיין זוהן! ווער האט איהם ערמאָרדעט!!

ערשט שפּעט ביי דער נאכט האט זיך איינגעגעבען איהם צו בערוהיגען.

פון דעם טאָג אָן האט שוין מאַקס קיין ליכטיגע מינוט ניט געהאט, זיין צושטערטער גייסט איז אויף שטענדיג פערטונקעלט געוואָרען אין אַ פינסטערע נאכט.

די דאָקטוירים האבען ערקלערט, אז פאר איהם איז שוין קיין הילף ניטאָ.

פון דעם אומגליק, פון דער שווערער קאטאסטראָפע, וואָס האט געטראָפען די פאמיליע, האט אַמאָל טען, פערשטעהט זיך, געליטען דאָרא. זי איז געווען אין דער גרעסטער פערצווייפלונג, און גאנצע נעכט פלעגט זי וויינען און בעקלאָגען איהר פינסטער שיקזאל. דאָרא האט זיך איצט געמאכט די גרעסטע פאָרוואורפען, זי האט זיך געהאלטען פאר די שולדיגע, און טענותן איז איהר אויפרעגונג און פערצווייפלונג געווען אזוי גרוים, אז זי האט אליין שיער ניט געהאלטען דערביי משוגע צו ווערען.

אין דער קריטישער צייט פון פערצווייפלונג און קאמפף איז איהר איינציגער שטיצע און טרייסט געווען וואַרשאַוויאַק.

— איהר טאָרט איצט דעם מוט ניט פערליערען, — האט ער זי אלץ געטרייסט, — קראַפט און ענערגיע מוזט איהר האבען, געדענקט, אז איהר האט קינדער, און אז די קינדער האבען קיין פאָטער ניט, וואָס זאָל פאר זיי זאָרגען.

און אזוי פלעגט איהר וואַרשאַוויאַק צוגעבען מוט. דאָרא האט שרעקליך געליטען אָבער זי האט אנגעשטרענגט אלע כחות ניט צו פאלען און זיך ניט אונטערצוגעבען דעם טרויעריגען שיקזאל.

— יאָ, איהר זענט גערעכט, — האט זי געזאָגט צו וואַרשאַוויאַק'ן, — איך מוז איצט לעבען פאר מיינע קינדער... מעהר האב איך שוין ניט אין מיין לעבען.

איהרע ליידען האבען אָבער נאָר קיין שיער און קיין גרענעץ ניט געהאט. די דאָקטוירים האבען געהייסען אָבפיהרען מאַקס'ן אין אַ משוגעים־הויז, און דאָס איז פאר איהר געווען אַ טויט־קלאַפּ.

וואָס אַ טאָג נעהענטער צו דעם מאָמענט, ווען מ'האט געדאַרפט מאַקס'ן אָבפיהרען אין שפּיטאָל פאר גייסטיג־קראנקע אלץ שרעקליכער זענען געוואָרען איהרע יסורים. זי פלעגט ארומגעהען ווי אַ צומישטע, ווי אַ צורודלטע, און האט ניט געוואוסט, וואָס מיט איהר טהוט זיך. עפּיס אַ אונבעשטימט געפיהל האט זי געגנאָגט און געפלאַגט און צוריסען איהר נשמה אויף שטיקער — זי האט געפיהלט, אז זי איז די שולדיגע פון דעם גרויסען אומגליק און האט קיין רוה ניט געפונען. ווי ווייט און פערפרעמדט זי איז ניט געווען פון איהר מאַן, האט זי זיך דאָך ניט געקאָנט פערטראָגען מיט'ן געדאנק, אז מאַקס'ן וועט מען אוועקפיהרען פון דער היים אין אַ שפּיטאָל און אז זי וועט בלייבען אליין מיט די קינדער.

און די קינדער—די אונשולדיגע קינדער זאָסיא און רעגינא האבען נאָך ניט געפיהלט די גאנצע שווערקייט פון דעם אומגליק, וואָס זיי ערוואַרטעט אצינד. זיי זענען ארומגעגאנגען ווי בלינדע ווי פערלאָרענע נישט האבענדיג זיך צו וועמען צוצוטוליען. די מוטער איז געווען דערשלאָגען, צודריקט פון צער און פון וועהטאָג צו דעם פאַטער האבען זיי קיין צוטריט ניט געהאט, און אזוי האבען זיי זיך געפיהלט עלענד און פערלאָזען ווי יתומים.

ענדליך איז געקומען דער טאָג, ווען מ'האט מאַקס'ן געדאַרפט אוועקפיהרען אין שפּיטאָל אריין, אין שטוב איז געווען אַ טרויער. דאָרא האט זיך פערמאכט ביי זיך אין צימער און האט געקלאָגט און געיאָמערט, די קינדער האבען געוויינט קוקענדיג אויף דער מוטער, אז דאָס הארץ איז צוריסען געוואָרען. ס'האט אויסגעזעהען ווי מען בעוויינט אַ טויטען, אַ פרימען.

ס'זענען געקומען איינינע בעקאנטע, וואַרשאַוויאַק און פעליא זענען אויך געווען, מ'האט צוגעגרייט די זאכען וואָס זענען נויטיג געווען פאר מאַקס'ן און מ'האט איהם געמוזט אוועקפיהרען—די לוית האט זיך אנגעהויבען.

דאָרא איז געשטאנען און האט זיך פערגאָסען מיט בלוטיגע טרעהרען. נעבען איהר די קינדער. מאַקס האט ניט געוואוסט אפילו, וואו ער איז אויף דער וועלט און האט זיך געלאָזט פיהרען. ביי'ם ארויסגעהען האט ער אַ קוק געטהון אויף זיין ווייב און קינדער. און די אויגען האבען איצט אויסגעדריקט אזוי פיעל ליידען, אזוי פיעל שמערץ און צער און אזוי פיעל רחמנות, אז אלע האבען זיך צעוויינט.

דאָרא האט נישט אריבערגעטראָגען דעם בליק, ווי מיט אַ קינזשאל האט ער איהר דורכגעשטאָכען איהר הארץ און זי איז געפאלען אין חלשות.

(פערטזעצונג קומט.)

Herman Feder, Berlin,
Jork-Str. 79.

I האנדעלס-אבטיילונג
ליעפערט אלע ארט נייע אויך געברויכטע מאשינען פיר האנדעל, געווערבע, אקערבוי און בערג-אינדוסטריע (נור פון פירמען ערשטען ראנגעס) צו אויסערסט ביליגע פרייזען.

II טעכנישע אבטיילונג
אונטער לייטונג פון ערפאהרענע אינזשעניערען און מעכאניקער, ערטיילט אלע ארט עצות אויפ'ן האנדעלס-געביעט, און ווייזט אן די קוועלען וואו צו קויפען מאשינען, עמפפעהלענדיג נור סאלידע פירמען.

די ערשטקלאסיגע האנדעלס- און אינדוסטריע-אונטערנעהמונגען אין פוילען און רוסלאנד געניעסען פון מיינע פערמיטלונגען און האבען צו מיר דעם פולסטען צוטרוי.

קאררעספאנדענצען אין רוסישער, פאלנישער און פראנצעזישער שפראכע.

721

וויכטיג נייעס!
איך מאך בעקאנט דעם געעהרטען פובליקום, דאס פון 1/14 יולי ערעפען איך מיין געשעפט אויף ציגעלניע-שטר. 37 רוג פעטריקויער פון דאמען-, העררען- און קינדער-שוה לויט די נייעסטע פאסאנען מיט די בעסטע בעהאנדלונג. מיט אכטונג א. יאקובאוויטש.
בעמערקונג: דעם טאג פון דער ערעפנונג וועט בעזונדערס אנאנסירט ווערען.
702

גוטע יודישע האנדוועבער
פיר טיכער, קענען זיך מעלדען ביי
W. Haack, H. Klotz & M. Praszkier, Piotrkowska 114.
5807

הויבע געמויערטע קעלער
געוועלבט מיט געפלאסטערטע שטיין-פארלאגעס, אויף וואגנס אויך מיט עלעקטרישע בעלייכטונג קענען פאר זא פארט צו פערמיעטען. פעטריקויער שטר. 16, צו ערפאהרען ביים ווירט.

ד"ר. ל. פריבולסקי
פאלודניאווא 3. טעל. 18-59.
ספעציאל-ארצט פיר הויט, וועגערישע און האאר-קראנקהייטען עט מענער-שוואכע, אויף קאסמעטישע פעלער. בעהאנדלונג פון סיפיליס נאך עהרליך האטא 606-914 אהנע בערופס שטערונג. היילונג מיט עלעקטריזיטעט אונד וויבראציאנס-מאסאזש. שפרעכשטונדען פון 9—1 אונד 4—9. פיר דאמען 5—6 בעזונדער ווארטע-צימער. בעהאנדלונג הויט און האר-קראנקהייטען מיט קינסטליכער העהענזאנע (קווארצלאמפען).

Dr. Leon Grossman
וואהנט פעטריקויער 88. טעלעפאן 34-81. איננערע- און נערווען-קראנקהייטען. שפרעכשט. פון 9—11 און 4—6.

Dr. A. Grosglik
רענטגען און ליכט-הייל-אינסטיטוט. זאכאדניא 68 טעל. 16-86. הויט, האאר, וועגערישע און האהרן-ארגאן-קראנקהייטען. בלוט-אונטערזוכונג ביי סיפיליס בעהאנדלונג מיט רענטגענשטראהלען, קווארץ-ליכט און העהענזאנע. שפרעכשטונדען פון 8½—11½ און פון 6—8. פיר דאמען 5—6.

פון אויסלאנד צוריקגעקעהרט
דר. לעווקאוויטש
הויט וועגערישע בלאזען-לעדען אונד מענער שוואכע. ביי סיפיליס 606—914 טריפער-היילונג אהן שפריצעהאניעס (לויט א נייע מעטהאדע) קאנסטאנטינער שטר. 13 נעבען וועליגס מאמער. שפרעכשטונדען פון 9—1 אונד פון 6—8. נאכמ. דאמען פון 5—6.

Dr. P. Grossman
דר. פ. גראסמאן
איננערע און קינדער-קראנקהייטען פעטריקויער 15, טעל. 21-88. שפרעכשט. 9—10 פריה און 7—5 נאכמ.
4241

צאהן-ארצט 99
י. ביטענסקי
20 זגערזשער 20
ענגאגירט דער קאמפליצירטער קינסטליכע צייהן אין שמארקסטע פלאמבען און קינסטליכע צייהן צו מעסיגע פרייזען.

Dr. D. Fried
ד"ר ד. פריעד
ספעציאל-ארצט פיר איננערע אונד קינדער-קראנקהייטען וואוינט יעצט ציגעלניע-שטר. 45 הויז בארטש. שפרעכשטונדען 9—11 פריה און פון 3—6 נאכמיטאג. טעלעפאן 33-11.

דאקטארין ל. ראבינאוויטש
איננערע- און קינדער-קראנקהייטען וואהנט קאנסטאנטינער 87. ניכטען פון 10 ביז 12 און פון 4 ביז 6 אבענדס.
2098

Dr. B. Rejt
שרעדניא 5 — טעלעפאן 79-38. ספעציאליסט אויף קראנקהייטען: הויט, האר, וועגערישע, געשלעכטס און ערצטליכע קאסמעטיק. היילונג פון סיפיליס מיט 606 און 914. עלעקטריע, עלעקטראפאטיע, בעלויכטונג. עמפפאנג פון 8—12 און פון 5—8. פאר דאמען פון 2—10.
5416

געגען האנריי (טריפער).
דאס נייעסטע מיטעל „סאלא-פיטשלי"
ווירקט שנעל און ראדיקאל און לויט די מיינונגען פון די דאקטוירים ווערט עס גערעכענט אלס א ראציאנאל מיטעל. געברויכס-אנווייזונג אין שאכטעל. דער עקסטער נור אין א מעטאל שאכטעל צו 1 ר' און צו 1 ר' 80 ק. ווירקט גוט ביי שארפע אזוי אויך ביי כראנישע פעלען און בעזונדערס אין א קורצע צייט די שווערסטע אויסגאנגען.
סקלאד: פעטערבורג ראזיע-ושאיע 7 אפטייק פון כ. קאנתיים צו בעקומען אין אלע אפטייקען און אפטייק סקלאדען. 5229
סאלא—פיטשלי

Dr. med. Leyberg
קרוטקא 5 טעל. 26-50
ספעציאליסט פיר הויט, וועגערישע און געשלעכטס-קראנקהייטען. עמפפאנגט פון 10—1 און פון 6—8 נאכמיטאג. פרויען פון 5—6. (פיר פרויען א בעזונדער ווארטע-צימער).
5050

Dr. med. I. Izykson
ד"ר מעד. י. איציקסאן
אלעקסאנדראווסקא 37
איננערע און קינדער-קראנקהייטען. עמפפאנגט פון 10 ביז 12 פארם. און פון 5 ביז 7 נאכמיטאג.
5060

ערשטער
צאהנערצטליכער קאבינעט
Dr. Med. Zacharow
(געוו. פערוואלטער און לעקטאר פון א צאהנערצטליכע שוהלע)
ספעציאליטעט: מונד-חירורגיע צאהן-קראנקהייטען און קינסטליכע צעהנע.
פעטריקויער שטר. 79.
עמפפאנגט פון 9½—2 און פון 4—8.
5182

Dr. med. Langbard
געוו. אסיסטענט אין בערלינער קליניקען וועגערישע קראנקהייטען, ספעציעל טריפער און סיפיליס נאך די נייעסטע בעהאנדלונגס-מעטהאדען
זאוואדסקא 10, טעל. 33-88.
שפרעכשט. פון 8—1 און פון 4 ביז 8½ אבענדס.
1645

Dr. L. Klatschkin
ד"ר ל. קלאטשקין
קאנסטאנטינער 11.
ספעציאל-ארצט פיר הויט און וועגערישע קראנקהייטען. שפרעכשטונדען פון 9 ביז 1 און פון 6 ביז 8 אבענד. פיר דאמען בעזונדערעס ווארטע-צימער פון 5 ביז 6 נאכמ.
15267

אקושערין-מאסאזשיסטין
דיפלאמירט פון הזוערל. מעדיצין-אקאדעמיע אין פעטערספורג נעמט אן מאסאזש, נעבערטען חויט-אויסשפריצונגען, ערטיילט ראטה אונד הילפע געהיימע פאלשטענדיגער סעקרעט. ברוסט-ענטוויקלונג.
אנדזשעיא 30, וו. 13. פון 12—3.
829 10 5

ד"ר מ. וואלפסאהן
איננערע און קינדער-קראנקהייטען
ווסכאדניא 17 טעלעפ. 04-3.
עמפפאנגט צו הויזע פון 4 ביז 6 נאכמיטאג. און פון 9 ביז 10½ פריה אין פאלוסער-קליניק גיגערשער 15.
5184

Частное 2-классное еврейское общее училище
Цегельняная 4. **Ф. КАЦЕНЕЛЬСОНЪ** Цегельняная 4.
צווייקלאסיגע שולע מיט דריי פארבערייטונגס-קלאסען A-B-C פיר שילער און שילערינס
פ. קאצענעלזאהן צעגעלניאנא 4.
דעם 15-טען אויגוסט פאנגט אן דאס אונטערריכט פאר אונזערע שילער וואס געהען איבער אין העכערע קלאסען און פאר די ניי-פערשריבענע. אלע געגענשטענדע, וועלכע עס ווערען ביי אונז געלערנט, וועלען אויסגעשטעלט נאך'ן מוסטער פון די בעסטערע אייראפייאישע שולען. די העברעאישע שפראך ווי אויך די ביבעל ווערען געלערנט מיט דער פרעבעלשער מעטאדע, וואס גיעט דעם קינד זעהר פיעל און שטרענגט איהם ווייניגער אן. פאר די אלגעמיינע למודים ווי רוסיש, פאלניש, דייטש, ארימעטיק א. ז. וו. ווענען פון דאס נייע שול-יאהר אנגאזשירט די בעסערע בעוואוסטע לעהרער-ספעציאליסטען. די שולע איז בעדייטענד פערגרעסערט געווארען און איז פערזעהען מיט ליכטיגע ווייטע צימערן, ווי אויך מיט אלע היגיענישע איינריכטונגען, דער געזונדהייטסצושטאנד פון אונזערע שילער און שילערינס איז אונטער דער אויפזיכט פון א דאקטאר.
שילער און שילערינס ווערען אנגענומען אין קאנצעלאריע יעדען טאג פון 11 ביז 12 מיטאג און פון 4 ביז 7 אווענד.

גן-ילדים | העברעאישע פרעבעל-שולע
אייניגע אין לאדז
עברי — געגרינדעט דורך
ש. קאצענעלזאהן-פיינשטיין,
לאדז, צעגעלניאנא-שטראסע 4.
דער אונטערריכט פאנגט אן דעם 15-טען אויגוסט.
5790
די העברעאישע פרעבעל-שולע האט אין פערלויף פון די צוויי יאהר וואס זי עקזיסטירט זיך ערווארבען דעם בעסטען נאמען אין די סימפאטיען פון יודישע עלטערן. די פרעבעל-שולע איז איינגעריכטעט מיט דעם גרעסטען קאמפארט, גרויסע ליכטיגע צימערן, די שילער ווערען דורכגעהן א פאלשטענדיגען קורס פון דער ערציהונג, לערנענדיג נאך דער ביבעל און אלץ אין א לייכטער פערשטענדליכער פארם. די קינדער ווערען זיך ווילען דורך אינטערעסאנטע שפיעלערייען און קאנווערזאציאנס-שטונדען, ווי אויך לייכטע גימנאסטיק, האנד-ארבייט און ציינען. אלע געגענשטענדע ווערען אונטערריכטעט אין העברעאיש. קינדער פון 4 ביז 7 יאהר (יונגלעך און מיידלעך) ווערען אנגענומען יעדען טאג אין קאנצעלאריע פון פרעבעל-שולע פון 11 ביז 5 מיטאג. —— 4 צעגעלניאנא 4 (פראנט) 1-טען שטאק.

Частное IV-хъ кл. Еврейское мужское учебное заведеніе
съ курсомъ правительственныхъ прогимназій М. Н. П.
ש. קאוונער—Ш. КОВНЕРА
Завадская 19 זאוואדזקא 19
די יודישע פראגימנאזיום מאכט בעקאנט, דאס די ביטעס פיר נייע שילער אין ביידע פארבערייטונגס, ערשטע, צווייטע, דריטע און פירטע קלאסען ווערדען אנגענומען אין דער קאנצעלאריי טעגליך פון 9—2 פריה.
אויסער אלע געגענשטענדע לויט דעם פראגראם פון רעגירונגס-גימנאזיום, ווערען געלערנט דורך ספעציאליסטען לעהרער העברעאיש, יודישע ליטעראטור און געשיכטע מיט א ברייטען סיסטעמאטישען פראגראם לויט דער נאטירליכע מעטאדע (עברית בעברית).
מיט דער ערלויבניס פון קוראטאר דער ווארשויער לעהרבעצירקס ווירד פון דיזעם יאהר אנגעפיהרט די דאפעלטע איטאליענישע בוכפיהרונג און אלע געגענשטענדע, וועלכע די בוכהאלטעריע פאנגענדעך אין די איבריגע געגענשטענדע, און דער שולע איזט פון גימנאסטיק אונטער לייטונג פון א אפיציר.
שבת און יודישע יום-טובים איז דאס פראגימנאזיום געשלאסען.
אין די יונגערע אבטיילונג דעם פארבערייטונגס-קלאסע, קענען אנקומען קינדער פאסט אהנע פארבערייטונג. פיר די שילער, וועלכע זיך פארבערייטען צו דען נאך פעריענס-עקזאמען, איזט פיר מעסיגע פרייזען איינגעפיהרט שטונדען אונטער דער לייטונג דעם איינהאבערס דעם פראגימנאזיום.
די פרייזע זינד פאלגענדע: פיר די יונגערע פארבערייטונגס-קלאסען (ביידע אבטיילונגען) 50 רובל און דען עלטערן פארבערייטונגס-קלאס 60 רובל יעהרליך. די צאהל דער שילער אין יעדער קלאסע איזט פון פעדאגאגישען שטאנדפונקט בעגרענצט.
6789 3 2

נור פאלודניאווא 12
וויכטיגע נייעס פיר אלע וועלכע געברויכען נייע לאמפען
האבע איך צום יעצטיגען סעזאן איין גרויסען אויסוואהל פון פערשיעדענע עלעקטרישע, גאזאווע און נאפטאווע לאמפען אויסלענדישע עט אינלענדישע, אלעס צו ביליגע פרייזען עט רעעלע בעהאנדלונג, ווי אויך איין גרויסען אויסוואהל פון אויסלענד. ובעסטע שיינע לאמפען.
בעמערקונג: איך נעהמע אן אלע ארט לאמפען צום אומארבייטען אויף גאז, עלעקטריש עט נאפט. איין גרויסען אויסוואהל פון פערשיעדענע ראמש-לאמפען מיט 40% ראבאט.
געדענקט מיין אדרעס: 5791
י. ניימארק, פאלודניאווא 12 טעלעפאן 32-91.

שוינט אייער געלד!
קומט און איבערציינט אייך!
גאלאנטעריע, לעדער און פערס. שטאפ-ארבייטען ווערען פינקטליך און פראמפט פון א גוטען פאכמאן, לויט מוסטער, צו ביליגע פרייזען אויסגעפיהרט. פעטריקויער № 31, רעכטס 3-טען איינגאנג אפיציינג, 3-טער שטאק וואהנ. 35, פ. שיסקעוויטש.
159 12 8

געאיבטע שטאפערינס
ווערען געברויכט. שרעדניא 104 וו. 12.
7016 3 2

א וואהנונג
בעשטעהענד אויס 1, 2, 3 אדער 4 צימער עט קיכע מיט בעקוועמליכקייט צו פערמיעטען פון יולי, פעטריקויער 38.

2 צימער מיט קיכע, עלעקטרישע-ליכט בעקוועמליכקייטען פון יולי צו פערמיעטען, פאנסקא 85 עקע אגראדאווא. דא איזט איינע אייזערנע-קאסע גוטעס פאבריקאט זאפארט צו פערקויפען, צו ערפאהרען ביים סטרוזש.
940 3 3

ביליג צו פערקויפען
א איינריכטונג פון א שפייז-צימער, געצבוצטעס, סאלאנדער ארבייט, ווי אויך קאבינעט-גארניטור. צו ערפאהרען פעטריקויער שטר. 116, וו. 3.
7006 3 2

די שעהנסטע
קאליגראפישע קאנטארסקע שנעל-שריפט לערנט אויס דער בעריהמטער פר' קאליגראף ל. בערמאן, זאוואדזקא 19 אין 15 לעקציאנען. די ערגאנזע צוגראפענע האנדשריפט ווערט אויסגעבעסערט אויף דער שענסטער שריפט, וואס איז א ציהרונג פאר בוכהאלטעריע און קארעספאנדענציע. דער פרייז איז זעהר ביליג. דער וואס צאהלט איין פאר 2 שפראכען, לערנען איך ראנדשריפט אומזאנסט. דער וואס קען גארנישט שרייבען קען זיך אויסלערנען שרייבען גוט א בריעף אין איין מאנאט. פאר ערפאלג ווערט גאראנטירט. געדענקט דעם אדרעס: זאוואדזקא 19, וו. 1.

זאמערוואהנונג!
אין איינע שעהנער, געזונדער, טרוקענער געגענד, גרויסער פאסנאמער-וואלד, 18 מינוטען רייזע פון לאדז מיט וויערושער טראמווי, סטאציע אדעלמאוויען זינד נאך צו פערמיעטען: 2 צימער מ. קיכע ווערענדע מעבלירט, וואסערלייטונג. צו ערקונדיגען אויף דעם ארט ווילא גלאווינסקי. ענטווערדער פאנסקא 85 פון 3—5 אוהר ביים ווירטה.
941 3 3

א סקלעפאווע
ווירד געזוכט אין פעטער-לאדען, זגערזשער שטר. 42.
7007 2 2

העלע פראנט-קעלערס
מיט ראזרעשעניע אויף עלעקטרישען מאטאר פיר שטרימפף אדער אנדערע פאבריקאט זאפארט צו פערמיעטען אלגינסקא 12.
980 3 3

3 צימער עט קיכע
מיט זעמטליכע בעקוועמליכקייטען 2 איינגענגע ווי אויך א האלבעס פראנט-הויז, געאייגנעט פיר געשעפט אדער פריוואט-וואהנונג איז פון 14-טען יולי צו פערמיעטען, דלוגא 68.
7005 3 2

צו פערמיעטען
פער זאפארט 1 צימער עט קיכע און 6 צימער עט קיכע מיט אלע בעקוועמליכקייטען, צעגעלניאנא 62. צו ערפאהרען ביים סטרוזש.
7004 2 2

ערטהיילע
שטונדען אויף פיאנינע און מאנדאלינע אויף מאנדאלין צו 40 קאפ. פאנסקא 18 צו ערפאהרען ביים סטרוזש.
4 4 826

וויכטיג פיר שניידערינס
די שעהנסטע אונד בעסטע אזשורען אויף קעלנערלעך, מאנישעטען, בלוזען, רעק, אלע קאלערען, ווערען שנעל אונד פינקטליך פערפערטיגט.
— מיט זעהר ביליגע פרייזען —
נאוואמיעסקא 26 פראנט.
קאסט און איבערציינט אייך!
2 2 899

צו פערמיעטען
3 צימער און קיכע ביליג, ווי אויך אנדערע וואהנונגען מיט בעקוועמליכקייטען, פאסאזש-שולץ № 35. צו ערפאהרען ביים וועכטער.
943 3 3

א. רייזבערגער
וואהנט יעצט פעטריקויער 88 טעל. 31-57. בעזארגט אויסלענדישע-פאטענטער שנעל אונד פינקטליך.
956 3 3

צו פערמיעטען פון 1/14 יולי:
איין לאדען מיט איין צימער עט קיכע וואו עס איז איין איינגעפיהרטער פוטער-לאדען, אויך 2 צימער עט קיכע. זאוואדזקא № 27. צו ערפאהרען ביי בער סקאסאווסקי. נאחאמיעסקא 30.
7018 2 2

א גאלאנטעריע-געשעפט
איז איבערצוגעבען אין א גוטען פונקט מיט א קליינעם קאפיטאל. צו ערפאהרען אין אדמיניסטראציע ד. בל.
967 3 3

ווערט געזוכט א טיכטיגע האנדעלס-ערין צו הויזענס ווי אויך א לעהר-יונגע, וועלכער קען שוין עטוואס נעהען. ביי דעם בעקאנטסטען הויזען-שניידער ש. פיינלאוויטש, דזשעלנא 31 פראנט.
029 1

קאנצערט-גארטען
„מאנמייפעל"
טעגליך קאנצערט
פון ווארשויער סימפאנישען ארקעסטער אונטער לייטונג פון ה' בראניסלאוו שולץ, פראפעסאר פון ווארשויער מוזיק. געזעל. אנפאנג האלב 9. עם זאן- און פייערטאגען 8 אוהר. ענטרעע 50 קאפ. שילער 20 ק. סימפאניע-קאנצערט 75 ק., שילער 30 ק. אבאנאמענטען 4.80.

טאנץ-שולע
די ערשטקלאסיגע עלעגאנט איינגעריכטעטע טאנץ-שולע פון בעקאנטען דיפלאמירטען טאנץ-לעהרער
י. מ. ווינטראוב
אויף זאכאדניא גאס 38
ווערען טעגליך שילער און שילערינ אנגענומען פון 7 אווענד אן. געמעסע זינד ווילקאמען.
631

ס'ווערט געזוכט
צו קויפען געשעפטס-איינריכטונגען, און געברויכטע רעגאלען, אפערטען ווערען געבעטען צו ע. סאראקיערסקי, זשעלאנא 27.
5806 3 1

שטעפערינס ווערען געברויכט, נאשטשינו דזשיר 9, 1-טען שטאק.
024 1

2 נוטע נעזעלען צו פלוש
ווערען געזוכט, זגערזשער 45 ביים ווירט.
022 1

לערן-יונגלעך
געגען באלדיגע צאהלונג קענען זיך מעלדען ביים מאשינענשטריקער גנישר רינג 7.
023 1

טיכטיגע וועש- און שירצען-נעהערין וואס קאן איין צושניידען, ווירד זאפארט געברויכט, פראנציסקאנער שטר. 17 ביי סטאשעווסקי.
026 2

צו פערמיעטען
פון 1 יולי 1914 איין גרויסער לאדען מיט וואהנונג, 3 צימער עט קיכע מיט בעקוועמליכקייט, 2 פראנט-צימער אויף דעם 4 שטאק, 1 זאל פון 4 פענסטער אויך קעללער-וואהנונג מיט איינגאנג פון דער שטראסע. צו ערפאהרען ביים ווירטה שרעדניא № 11 אויף דען ערשטען שטאק.
762 5 5

אויף די
הונדערטער
ביטען, וואס קומען אונז אן טאג טעגליך פון אונזערע לעזער, אז מיר זאלען אויפ'ן 2-טען האלב יאהר נאכאמאל אנהויבען געבען אונזער וועלטבעקאנטע פרעמיע „די יודישע געשיכטע פון פראפעסאר גרעץ", ערקלערען מיר, אז צוליעב די געהאלדיגע געלד-אויסגאבען און מיה, וואס עס איז פערבונדען דאס איבערדרוקען פון אזא טייער און גרויס ווערק, איז אונז איצט שוין אונמעגליך איינצואורדנען א צווייט מאל די ראזינע פרעמיע.
כדי אבער דאך נאכצוקומען דעם דרינגענדען פערלאנג פון אונזערע לעזער, האבען מיר פאריגע וואך טעלעגראפיש בעשטעלט ביי דער פערלאגס-געזעלשאפט „צענטראל" די רעשט קאמפלעטען, וואס עס האבען זיך נאך ביי זיי געפונען, און דאס וועלען מיר פערטיילען אונזערע לעזער אין פערלויף פון 1 וואך, דאס הייסט, ביז צום 7-טען יולי.
צו דעם צוועק דרוקען מיר היינטיגע וואך טעגליך דעם לעצטען קופאן וועגען דער יודישער געשיכטע אונטער'ן נאמען
„שלום-קופאן"
און ווער עס וועט צושטעלען ביז צום 7-טען יולי אזא שלום-קופאן, האט דאס רעכט צו פערלאנגען ביי אונז צו ביי אלע אונזערע אגענטען און צייטונגס-פערקויפער די גאנצע יודישע געשיכטע אין 12 טיילען געבונדען. אין 6 פראכט-בענדער, אנשטאט פאר 16.50 **נור פאר 3.60**, מיר ערקלערען אבער קאטעגאריש, אז מעהר וועלען מיר די יודישע געשיכטע אלס פרעמיע נים געבען.

יאהרעספראדוקציאן 2200 לאקאמאבילען.

Heinrich Lanz, Mannheim.

פאטענטירטע הייסדאמפף-

לאקאמאבילען

מיט ווענטילשטויערונג „סיסטעם לענץ"

די זיכערסטע, בעקוועמסטע אונד איינפאכסטע בעטריעבסמאשינע דער נעגענווארט.

איינצעלליסטונג פון 10—1000 עפעקטיווע P. S.

5617 50 8 פערטרעטער פיר לאדזער ראיאן:

Brüder Goldbaum

לאדז, קאראלא 8, טעלעפאן 19-25.

גיזאממטפראדוקציאן 40.000 לאקאמאבילען

Schweiz Engelberg.

1019 m. ü. M.
Weltbekannter Luftkurort

Pension Rosenblatt — Villa Sonnwendhof

Streng koscher. 5774 2 2

כשר Gleiches Haus in Luzern: Pension Rosenblatt, Frankenstr. 7 H 383 Lz. כשר

הייל קרויטער-זאלב



פון דר. אבערמייער. **Vilia-Crême**

UNGUENTUM HERBALE COMPOS. OBERMEYER.

א ספעציעלעס אונפערגלייכליכעס מעדיצינישעס מיטעל געגען אלע ארט עקזעמע, פורונקעלן, ליסאיעס, געשווירען, אויסשלעגע, בלעטערלעך ענטצינדונג, ענטצינדונג און אלע אנדערע הויט-קראנקהייטען.

פערקויף אין אלע אפטייקען און אפטייקער מאגאזינען, פרייז פון 1.25 פיר א שאכטעל. עכט מיט רויטער פערפאקונג. היט אייך פיר פעלשונגען

בעמערקונג. אום צו ערציעלען א פולען ערפאלג בייא כראנישע קראנקהייטען דארף מען ביים געברויכען פון דער זאלב „ווילא-קרעם" בענוצען די וועלט-בעוואוסטע קרייטער

„הערבא זייף"



פון דר. אבערמייער מיט בילד פון א בארמהערציגע שוועסטער אויף יעדעס שטיקעל.

ביי נארמאלע פערוועגדונג וואונדערבארע היילונג

5102 21 15

5761 10 5

ספעציעל פיר

שטרימפף-פאבריקען

שטאלע לעדער-טרייב-ריעמען בעסטע קוואליטעט צו מעסיגע פרייזען אויך אלע ברייטען לעדער און קאמעלהאר-ריעמען, גוטע פרימא קוואליטעט שטענדיג אויף לאגער ביי

י. סימכאוויץ, ציגעל-שטר. 56

פאבריק און קאנטאר, פעטריקויער 114

די ערשטע לאדזער גלאז- און שפיגעל-שלייפעריי פון

Edmund Werminski

Lodz, Petrikauer 114 פארמ. געבר. ווערמינסקי

עמפפעהלט זיך צו שויפענסטער-פערגלאזונגען, קונסט-פערגלאזונגען און מעסינג, קופפער, ניקעל און בליי, קריסטאל-פאצעט-פערגלאזונגען א. ז. וו. אויסער דעם קריסטאל-שפיגעל און קריסטאל-גלאז פון דער בעלגישער פאבריק „Compagnie des Glaces du Midi a la Russie"

SIEGE SOCIALE, CHARLEROI, BELGIGNI,

ווי אויך אויסלאגע-פלאטען, קוטשען און אויטאמאביל פענצטערשייבען, פירמען-שילדער און גראב-פלאטען אויס מאסיוו שווארץ, אדער פארביגעס גלאז, זי-מערשטראהל-בלאזונגען פאר אבגעפאסטע מוסטערשייבען און מאט-גלאז, ארנאמענט און קאטעדראהל-גלאז און אלע פארבען א. ז. וו. א. ז. וו. מיר נעהמען אויך איבער צו בעלעגען שאדהאפטע שפיגעל.

5732 25 4

רעעלע בעדינונג, ביטע קאסטען-אנשל. צו פערלאנגען. מעסיגע פרייזען.

פאבריק און קאנטאר, פעטריקויער 114

(אין ראנד:) איינציגע-געשעפט פון 1 יולי פעטריקויער 114 | 114 Petrikauer

אדוואקאט

נ. וויינבערג, 77 דלוגא 77

עמפפאנגט נור פון 5 ביז 8 נאכמיטאג. 5006 13

א. א אויך מיליטערזאכען און אלער ארט שתדלות און אלע רעגירונגס-אנשטאלטען.

פון 1/14 יולי: נאוואמיעסקא № 5

מצבות

און דענקמעלער אלע נייעסטע און שענסטע מארעלען און פאסאנען פון די בעסטע זארטען, גראניט, מארמאר און זאנד-שטיינער פערטיגט, שנעל, געוויסענהאפט און וואונדערשעהן אוים דער בעריהמטער שטיינהויער און סקולפטאר

מ. בראדער, ברעזשינער 142

20 7 5634

פערשיעדענע

לאדענשרענקע און בופעטס

נעאייננעט פיר פערשידענע בראנזשען זעהר בילינ צו פערקויפען ביי

M. BERMAN, Petrikauer № 59. 5749

זאמערוואהנונגען

צו פערמיעטען אין דארף עמיליע (6 ווערסט אונ-טער זגיערזש) אין א טראקענער און וואלד געגענד. די וואהנונגען שטע-הען אין א 4 ווערסט גרויסען אויבסט-גארטען. צו ערפאהרען ביי ה' האבער פעטריקויער 6.

905

צאהן-ארצט **ב. הורוויץ**

ציעגעל-שטר. 45.
אטנגאנג וואלטשאנסקא 55.

נימט אן טעגליך פון 9 פריה ביז 8 אבענד. נעמט ארויס צייהן אהנע שמערצען, קינסט-ליכע צייהן מיט און אהנע גומען אויס גאלד און פלאטין. נעלדערנע קראנען און מ"יקען-ארבעט. פיר ארבייטער און שילער אויסערגעווערליך בוליגער.

ד"ר זילבערשטראם
Dr. J. Silberstrom

ארדינ. אים אמבולאט. פון רויטען-קרייץ

12 זאוואדזקא 12

הויט געשלעכטס אונד ווענערישע קראנק הייטען. (בעהאנדלונג מיט עהרליך-האטא 606—914) ערצטליכע קאסמעטיק. (ענטפערנונג לעסטיגער הארע, פלעקען א. ז. וו. 12—2½ 5—8 זונטאגס 11—4

וויכטיג פאר אלע!!!

ס'איז שוין לאנג בעוויזען געווארען, אז די אלע ביז-איצטיגע מיטלען אויף צו פערטיליגען מאלען וועגען גארניט ווערט, דען סריב ווערען די מיטלען באלד אויסגעטראגען און די מאלען האפען זיך ווייטער ארום אין די מלבושים, פעל-צען, וועש, פוטערווארג, סחורות א. ז. וו. און מאכען פון זיי א תל עולם. כדי אבער דאס צו פערהיטען, איז איצט ערפונדען געווארען פון א גרויסען דייטשען כעמיקער א נייע מיטעל געגען מאלען

וועלכער שטייגט איבער אלע ביז איצטיגע מיטלען, אונטער'ן נאמען:

„גלאבאל"

דאס דאזיגע מיטעל איז אזוי פראקטיש, אז אין דער קורצער צייט וואס עס עקזיסטירט, איז עס שוין איינגעפיהרט אין אלע גרעסטע פעלץ-געשעפטען, מאנופאקטור-לאגערס, שניידער-געשעפטען, פריוואט-הייזער א. ז. וו. די פראקטישקייט פון דעם מיטעל בעשטעהט אין דעם, וואס מען ברויכט עס ניט צו שיטען אדער צו גיעסען, נור מען הענגט אויף דאס שאכטעל אין לאנגער אדער אין שאנק און קיין שום מאל וועט זיך מעהר ניט בעוויזען.

„גלאבאל" שפארט אין דאס אפנפעקלען! „גלאבאל" פערטיליגט אלע מאלען!

„גלאבאל" איז פראקטיש און גוט! „גלאבאל" איז די אויסארבייטונג פון דער בעוואוס-טער העמישער פאבריק פרייז שולץ יוניאר ליפציג.

„גלאבאל" בעקומט מען ביים פערטרעטער:

5782 5

מ. הרעל, לאדז, דזיעלנא 9 טעל. 28-08.

„UNION" ל. א. לוריא

עלעקטרא-טעכנישעס ביורא

ליכט- אונד קראפט-אנלאגען

לאגער פון מאטארען אונד אלעם צובעהער. :: מעסיגע פרייזע.

קאסטען-אנשלעגע גראטיס.

Mikolajewska-Str. № 4, Tel. № 603. 5757 8 5

די ערשטע

היילאנשטאלט-

אמבולאטאריום

פיר קאמענדע קראנקע,

פעטריקויער 45 טעלעפאן 30-18

דר. ק. בלום, נאז-, אויערן- אונד האלז-קראנקה. מאנט., דינסט., מיטוו., דאנער-שטאג, פון 1—2, פרייטאג, שבת, זונט. פון 9—10 פריה.

דר. י. ליפשיץ, קינדער-קראנקהייטען פון 1—2.

דר. מ. קאנטאר, חירורג-קראנקהייטען פון 2—3 און 7—8.

דר. מ. פאפיערני, פרויען-קראנקהיי-טען פון 3—4.

דר. ב. דאנכין, אויגען-קראנקהייטען נעהמט אן טעגליך פון 9—10 פריה.

דר. י. שווארצוואסער, אינערליכע און נערווען פון 10—11 אונד 4½—5½.

דר. ל. פריבולסקי, הויט אונד וועגע-רישע קראנקהייטען ואנט. דינסט. דאנערשט. אונד פרייטאג פון 1½—2½.

מאנטאג, מיטוואך און שבת פון 8—9.

דר. שומאכער הויט און געשלעכטס-קראנקהייטען, מאנטאג, מיטוואך און שבת פון 1½—2½, דינסטאג, דאנערשטאג און פרייטאג פון 8½—9½ אבענדס זונטאג פון 2—3.

בלוט, אורין-אנאליזען, פאקען זעצען, אינהאלאציאן נאך סיסטעם פראפעסאר קראסטען.

פיר אונבעמיטעלטע בעראטונג 50 קאפ.

היילאנשטאלטע

גורנא | **ווידזעווער**

סיערעדזקא 1 רוג רושנאווסקא. | גלובנא 51 טעל. 30-83

ד"ר קערשנער קינדער און אינערע קראנקהייטען		12½—1½ | 11½—12½
פריעד אינערע און קינדער-קראנקהייטען		7—8 | 6—7
ראזשאנער הויט און וועגערישע קראנקהייטען		3—4 | 12—1
טראכטענהערץ הויט און וועגערישע קראנקהייט		3—4 | 2—3
גאלדשטיין-פאלאק אויגען-קראנקהייטען		12½—1½ | 11½—12½
לעווינטאן חירורגיע		6—7 | 7—8
סטאנקאווסקי האלז, נאזען און אויערן-קראנק.		6—7 | 7—8
לעיבאוויטש געבורטס און פרויען-קראנקהייטען		11—12 | 10—11

דינסטאג, דאנערשטאג, זונאבענד. | דינסטאג, דאנערשטאג, זונאבענד. 12—1

ד"ר פריעדע 5762

קאנסולטאציאן 50 קאפ.

בלוטאונטערזוכונג (וואסערמאן) אמען-אונטערזוכונג, פאקען זעצען.

עלעקטריציטעטס-היילונג.

וואסערהיילאנשטאלט

אים סאנאטאריום „אוניטאס"

פוסטא 11, עקע מיקאלאיעווסקא,

געעפענט פון 7—12 און פון 2—7 נאכמיטאג. 5621 14

מאדערנסטע איינריכטונגען און קאמפארט: דאמפף-שאטישע און אלע אנדערע דושען פון

און זיצבעדער, דאמפפבעדער רוימישע און רוסישע, ואסל—פיכטענגאדעל— שוועפעל און אנדערע בעדער.

קאהלענזויערע-בעדער אהנע און מיט זאלץ (נויהיים).

זויערשטאפבעדער (Ozet). ווינבראציאנס-מאסאזשע און גימנאסטיק. עלעקטרישע—פיערצעללען און גליהליכטבעדער, עלעקטריזאציאן, דיאטערמיע, ד'ארסאנוואליזאציאן, בע-האנדלונג דער טאבעס מיט פרענקעל-אפאראטען.

לונגענגימנאסטיק פיר אסטמאטיקער און עמפיזעמאטיקער.

מעכאנאטעראפיע. רענטגענאינסטיטוט.

בעשטראהלונגען מיט קינסטליכער העהענזונע (קווארצלאמפען).

Mydło „Konik"

do osiągnięcia delik., białej skóry i zachwycającej cery. Cena 50 kop. za kawałek.

Krem „Konik"

Z mleka liljowego. Tuba 40 kop. Skórę czerwoną szorstką, porowatą przemienia w białą miękką i aksamitną.

Puder „Konik"

Z mleka liljowego. Cena 1 rb. za pudełko. Zawiera obfitość tłuszczu, jest delikatny, doskonale przylega do skóry, dogodny w użyciu, z pośród wszystkich innych preparatów kosmetycznych jest prawdziwie doskonałym. Ządajcie tylko w czerwonem opakowaniu.

Sprzedaż wszędzie. FABRYKI BERGMANN I S-KA, RADEBEUL-DREZNO. Główny skład na Rosję: BIURO PREPARATÓW CHEMICZNYCH, PETERSBURG, Małaja Koniuszennaja No. 10.

היילאנשטאלט פיר הויט- אונד וועגערישע קראנקהייטען

ד"ר ל. פאלק, ז. גאליץ א. סט. יעלניצקי

וואלטשאנסקא 36. טעלעפאן 14-81.

אויפנאהמע שטאציאנערער קראנקער (אין איינצעלציטערן אונד אלגעמיינע קראנקען-זאלען). — טעגליך אמבולאטארישער עמפפאנג אונבעמיטעלטער פאציענ-טען. קאנסולטאציאן 60 קאפ. 737

רענטגען-, ליכט- אונד עלעקטריציטעטס-קורען.

בלוט-אונטערזוכונג ביי סיפיליס. עלעקטרישע גליהליכט-בעדער.

שפרעכשטונדען דער אמבולאנץ: וואכענטאגס פון 8 ביז 9 אוהר פריה, 12 ביז האלב 2 אוהר מיטאגס און 7½ ביז 8½ אוהר אבענדס. — אם זאן- און פייערטאגען פון 8 ביז 10 אוהר פריה און 12 ביז האלב 2 אוהר נאכמיטאגס.

אין סקלאר אפטעקשנע

9049 10 זאוואדזקא 10

בעקומט מען א זיכערעס מיטעל געגען פערשטאפונג, איין גוטעס מיטעל געגען נערווען און מענער-שוואכע, פלאסטער פאר פרויען, וועלכע ליידען אין פערהערטונג דער ברוסטען און געשווירע, זיך זעלבסט צו קורירען. א זיכערעס מיטעל געגען הינער-אויגען ווי אויך געגען שמיצען פון פים און הענד, א גוטעס מיטעל געגען ווערעם און מאטען צו פערטיליגען. אויס'ס לאגער אימער פרישע אויסלענדישע וואסערן אלע זארטען בילינ. טעגליך פרישען קעפיר צו קורירען. אויך גוטע געפאסטע אויסלענדישע בויכבינדען און גוטע געפאסטע ברוכבענדער צו בעקומען ביי וואלמאן זאוואדזקא 10

אין סקלאר אפטעקשנע

עמפפעהלט פיר גאנצען ווינטער פרישען טראן. קינדער, וועלכע פערטראגען ניט קיין טראן ווירד דורך איין שמעקהאפטיגעס מיטעל ערזעצט.

העברעאיש — דייטש און פויליש

גרינדליך צו ער-לערנען פון דער-ווייטענס דורך 32 אונטערריכטס בריעף ביז צו קענען לעזען געלייפיג די ליטע-ראטור, שרייבען אין שעהנעם סטיל און גרינדליך בעהערשען די גראמאטיק. די אונ-טערריכטס בריעף ענטהאלטען ליטערא-רישע ערצעהלונגען, געדיכטע, פובליציס-טישע ארטיקלען, געשפרעכע, שילדערונגען און בעשרייבונגען, שפריכווערטער און פרא-זען, פראנזעזישעסבריעף און האנדעלס-קא-רעספאנדענץ. די גאנצע גראמאטיק גרינד-ליך און אויספיהרליך אויף א זעהר פראק-טישען אופן. הונדערטער שרייבאיבונגען א. ז. וו. א. ז. וו. די ערקלעהרונג און איבערזעצונגען זענען ריין יודיש, מ'ברויכט צו די בריעף גאר נישט צו קענען, נור יודיש לעזען. פראספעקטען בחנם.

S. Walkowski, Krakau (Galizien)

743 4 8 Postfach 119.

דער ביליגסטער, דער בעקוועמסטער, דער פראקטישסטער

פליגענפאפער „קאקא"

פערלאנגט אומזאנסט מוסטער אונד פרייזקוראנטען פון פליגענפאנגער פאבריק

OTTO БРЕДТЪ, Варшава, Фоксаль 17.

5781 8 2

נעגערעל-פערטרעטער פיר גאנץ רוסלאנד:

ІОСИФЪ ВАРХИВНЕРЪ, Варшава, Фоксаль 71.

טיכטיגע פערטרעטער ווערען איבעראל געזוכט, עבענזא ווערען געזוכט הויזירער

קאפשמערצען, מיגרענע

רעוומאטיזם און ארטרעטיזם שנעל אונד גרינדליך בעזייטיגען „מיגרענא-נערוואזין" „Migreno-Nervosin"

צו בעקומען אין אלע אפטייקען און אפטייק-מאגאזינען, א פראשעק 10 קאפ. דער ארט געברויכען: ארויסשיטען דעם פראשעק אויף דער צונג און נאכטרינקען וואסער מיט צוקער.

ארגינעלער „מיגרענא-נערוואזין" איז אייביג מיט דער מארקע א „האן" „Kogut", אבער קיינמאל ניט אין אפלאטקעס.

5166 58

אין די דעטייל-געשעפטען פון

Karl Göppert,

Lodz,

פעטריקויער שטר. № 11, 71 און 145

געפינט איהר

א רייך אסארטירטען לאגער פון:

קאראקול-מיטצען אויך אימיטאציאן.

וועלור-הימע שווארץ און פארביג.

לאדען-היטע אין די שענסטע מעלאנזשען.

שטייפע און ווייכע היטע

מאדערנסטע פאסאנען.

ספארט-מיטצען פיר הערבסט און ווינטער.

שאפא-קלאקס און צילינדערס.

4408 50 30

ווער

5785 20 3

עס חיל געפינען א פאסטען אדער בעקומען מיטיגע ארבייטס-פעהיגע פאך-מענשען פון בייהדער געשלעכטס (פון אלע האנדעלס-צווייגען), דער זאל זיך ווענדען נור צו דער

אקציען-געזעלשאפט

„DZIAŁACZ" „דזיאלאטש"

Ksawery Biernacki i S-ka

וועלכעס איז א קאמוניקאציאנס-רעקאמענדאציאנס-ביורא 1-טען ראנגעס, בעשטעטיגט פון מיניסטעריום און קוי-ציאנירט מיט א האלבען מיליאן רובל.

ווארשוי, מארשאלקאווסקא 68 עק סאראטע טעל. 280-42

די היה ארבייטס-געבער צאהלען

קיין שום פערמיטלונגס-קאסטען.

אויסער דעם ערלעדיגען מיר אלע טראנזאקציעס, וועלכע נעהן אריין אין אקערבוי-האנדעל און אינדוסטריע.

Biuro Ksawerego Biernackiego i S-ka.

בעקאנטמאכונג.

אין זדונסקא-וואלא איז געעפענט געווארען א פאבריק פון

האלצשוהע און האלצפאנטאפעל

זאמי פערקויף פון שוה-העלצער און פאנטאפעל-העלצער.

מעסיגע פרייזע!

עלס האלצאינדוסטריעלע זינד די בעסטע קוואליטעטען אויף לאגער. האכאכטענד

האנדעלסהויז דער האלצאינדוסטריע פון

א. ווארשאווסקי, זדונסקא-וואלא.

5786 16 3

די בעקאנטע שטעמפעל-פאבריק

פון פ. ה. שטיפט

עמפפעהלט די בעסטע און האלטבארסטע

עמאיל-שילדער

5731 12 צו זעהר ביליגע פרייזען.

פעטריקויער 66, טעלעפאן 16-30.

דעם שוויים

און זיין אונאנגענעהמען ריח בעזייטיגט ראדיקאל דאס פליסיגקייט

ALFORMIN

שוץ-מארקע ס. מ. ג.

צו פערקויפען אין אלע אפטייקען און אפטייק-סקלאד. הויפט-פערטרעטער:

ש. מ. גאלדבערג, ווארשוי, 6 רימארסקא 6

5738

א פלאקאן געצייגט אויף א גאנצען זומער.

איז ביי אייך דא

ווערם?

פאר וואס דען פרובט איהר נישט א מאל דעם בעוואוס-טען פראשעק

מאאק

15 3

דורך זיין הילף וועט איהר מיט א מאל פטור ווערען קאראלוכעס, וואנצען, פריי-סען, פליי, פליגען, מילבען, מאאקעס א. ד. ג.

עס גיעבט פיעל נאכגעמאכטע אין עהנ-ליכע שאכטלען, דעסהאלב מוזען זיי בעאבאכטען דאס נישט געפעלשטער מאאק האט יעדעס שאכטעל איין בלעכענעס רערכען און אויפשריפט מאאק. 5720

פערזע.

— פון —

אבררהם רייזען.

א.

ליעבע.

ער איז ארויף אויף דער טריבין
און פארגעלעזט פון ליכט און זון,
דאס בייז פון נוטס נעגרעניצט —
די ערשטע רייהע האט געגעניצט!...
האט ער געלעזען קעוואס נאך
פון ארמע מענשענס שווערען יאך;
געפאטשט די רייהע האט די לעצטע,
די ערשטע בייז, ווי א צוזעצטע...
האט ער געלעזען ווידער וואס:
פון ליעבעס-גלוט, פון ליעבעס כוס...
האט יעדער זיך גענומען פרעהען
און אמנם נעווארען איז פון אלע רייהען...

ב.

ווי די זון.

איך בין אזוי מילד, ווי די זון,
אויך איך פערמאג שטראהלען
און לאז זיי אויך פאלען
אויף מענשען און פרעה מיך דערפון.
נאר אויך ווי די זון קומט מיר אויס
פון וואלקען צו ליידען;
פון וועלט צו פערמיידען
מיין ליכט, און איך קען ניט ארויס!

ג.

דיכטער-מזל.

געווידמעט א יובילאר

אז דיין קאפ ער ווערט שוין גראה,
און שיטער ווערען דיינע לאקען.
דעמאלט איז דער רוהם שוין דא
און מען ציהט פאר דיר די גלאקען
יא די גלאקען ציהען שטארק
יעדער שוטה, חרש, קטן...
און ס'איז אויף מיט דיר דער מארק: —
אח, ווי גרויס ער איז, געראטען...
און מען טהוט דיר אן א קראנץ
(און מען רעדט: א ווילע קויפען...
נאר דיין הארץ איז קיהל שוין גאנץ
און וואלסט וועלען וואו ענטלויפען.
און דו שמייכעלסט: ס'איז דיין הארץ
יונג געווען און שטארק געשלאגען,
און דער קאפ—נעדיכט און שווארץ —
האסט א דערנער קראנץ געטראגען!
אח, ווי וואלט דער לארבער-קראנץ
אין דיין פריהלינג דיך דערמינטערט,
איצט וואס העלפט דער רוהם און גלאנץ,
ווען עס שנעעט שוין, ווען עס ווינטערט!...

י. מ. ווייסענבערג.

צפורה'לע.

(סקיצע)

ווען צפורה'לע איז אלט געווען פינף יאהר און אויפ'ן שוהל-הויף האט מען פרייטאג פאר ליכט-בענשען געשפיעלט צו א חופה, האט זי שוין געקענט נאכ-זונגען דעם מארש, וואס האט זיך פון דארט געהערט. ווען זי איז געווארען נאך א ביסעל עלטער האט זי געזונגען שוין נישט פאר זיך. די מאמע, א פערטהוענע, לויפענדיג פון קוימען הינטער דער הויז-טהיר, דא נאך א לאקשען-ברעט, דא נאך א דאר העל-צער, זידענדיג און קאכענדיג אוי שפיי-ענדיג פייער מיט די אויגען—פלעגט נאר שטענדיג שילטען די שעה פון געבוירען, פלעגט צפורה'לע זינגען און איינשטילען די קלענערע ברידערלעך און שוועס-טערלעך, כדי זיי זאלען נישט טשעפען דעמאלט מיט דער מאמען.

זי איז באלד געבוירען נישט קיין קינד. נור עפעס א צולאג צו די טאטע און מאמע, פונקט ווי די מאמע וואלט זיך מיט'ן טאטען אויסגענומען, אז זי וועט נישט מיט איהם חתונה האבען, אויב ער וועט איהר נישט צוגעבען אזא צוהעלפערין. און פאר אזעלכע פיהלט זיך טאקי צפורה'לע, די מאמע שרייט, די מאמע שעלט, און זי ווייענט אי זי זינגט און האט מורא, אז די מאמע זאל נישט נאך מעהר שילטען און נאך מעהר שרייען.

און געהט די מאמע א מאל ארויס פון שטוב און א צווישען טאג און נאכט, און צפורה'לע בלייבט אליין נעבען די ברידערלעך און שוועסטערלעך, וועלכע שלאפען שוין, פיהלט זי זיך נאך ער-נער. אין די ווינקלען שטוב ליגט א טונקעלהייט, שווארצע קיפקעלעך קו-קען פון דארט ארויס און ווארפען א טויט-שרעק אויף צפורה'לען. און אין דרויסען אין דער גראהקייט פון אויס-געהענדיגען טאג, וואס קוקט נאך אריין דורכ'ן פענסטער, איז אזוי שטיל, אזוי שטיל, א קוראט ווי שווארצע ציגאנקעס וואלטען זיך דארט ארומגערעהט.

און שפעטער, ווען עס עפ'נט זיך שוין די טהיר, און אידער צפורה'לע דערזעהט שוין, אז די וואס ס'טרעט זיך דארט איז דער שפארע ארויין מיט א פאטשיילע אויפ'ן קאפ, איז די מאמע, וויל זי אין איין רגע נעבען א געשריי, נור בלייבט דערשלאגען און דאס הער-צעל ווערט איהר ווי אויסגעצופט. זי דערזעהט שוין ערשט, אז עס איז די מאמע, וועלכע ריקט זיך אין דער טונקעלהייט אין דער מיט שטוב אריין, טראגענדיג א פלעשיל אין דער האנד. און, ווען זי האט שוין די פערטשיילע אראבגעלייגט פון קאפ, אננעצונדען דאס לעמפעל, וואס הענגט שוין מיט'ן נעפיינגערטען בלעכעל אויף דער וואנד און בלישצעט אראב איבער'ן שטיבעל און איבער די קינדערלעך'ס שלאפענ-דיגע פנים'לעך אין די בעטען מיט א רויט און שטיל פערטראכט פייערל, ערשט דעמאלט קוקט צפורה'לע זיך נאך א מאל אין די פריהער טונקעלע ווינקעלעך און קומט קוים צו זיך.

שפעטער קומט דער טאטע א הייס עסען וועטשערע, נאר זי הערט איהם קיינמאל נישט.

זי קלערט אפילו שטארק און פער-געסט צי זי אליין האט אויך געגעסען, אזוי מיער פאלט זי א ניעדער.

איינמאל נור, ווען מען האט גע-קאכט קליסקעלעך מיט יוך און די מאמע האט איהר אין אנ'ערדערין שיסעלע אויפגעגעבען עסען אויף דער לאנגער, הילצערנער באנק, האט זי דעם מעם געדענקט א לאנגע צייט, חאטש דער קאפ איז איהר דעמאלט אויך אראב-געהאנגען פון שלאף, און אונמערכיג האט זי געהויבען די האנד מיט דעם לעפעל צום מויל. זי געדענקט אבער די זיסקייט, און עפעס ווי שבור'לעך האט זי זיך געפיהלט...

נאר וואס ווייטער איז געווען גע-דענקט זי שוין נישט...

זי איז אלט געווארען עלף יאהר. און אט האט קיינער ניט געוואוסט פון וועמען און פון וואס צפורה'לע איז קראנק געווארען. און געשעהן איז עס, ווי אויף צו געלעכטער. קיין נעזונדע איז זי קיינמאל נישט געוועזען, שטענ-דיג בלייך — און היינט אויך נור, אפשר נאך עטוואס בלייכער. קיין גרויסע בעל כח'טע דעסגלייכען נישט, זי האט נישט געקענט געבען קיין גע-שריי, אז די וועגדט זאלען ציטער'ן, און היינט טהוט זי אויך נישט מעהר, ווי א פישעך, ווען זי וויל עפעס. א שטילע, א רוהיגע, די אויגען נור פערטראכט, און היינט — א ביסעל פערגעסען, און דער איינציגער אינ-טערשיעד, וואס היינט זינגט זי נישט און לייגט נישט די ברודערלעך שלא-פען, נור ליגט אליין אין בעט אויס-געדרעהט מיט'ן פנים צו דער וואנד, און פישצעט פון שלאף ארויס, ווי א שוואך אויסגעדארט פייגעלע.

ווען זי מאכט די אויגען אויף קוקט זי אויף דער שטוב ארום זיך, גיבען די איינגלעך א בלאנדזע איבער דער שטוב, ווענען די ליפלעך פערברענט, אבער באלד בלייבט זי צוריק ליגען פערווארפען דאס קעפעל, די אויגען פערמאכט. א לייכט הייבען זיך פון איהרע קליינע אקסלען זעהט זיך, און דארע ארויסגעלייגטע הענדעלעך אי-בער'ן טונקעל-ברויגען איבערבעטעל...

אזוי שלאפט זי א גאנצען טאג, ביז די מוטער, ליגענדיג מיט איהר אין איין בעט, האט זיך איינמאל אויף אין מיטען דער נאכט און וויל זיך איבער-דרעהען אויף דער אנדערער זייט — דערזעהט זי איהר צפורה'לע איז קאלט.

קוקט זי איהר אין פנים'ל אריין— דערזעהט זי, אז איהר צפורה'לע בלאזט נישט מיט'ן נאזער. נעמט זי איהר אן ביי די ליפלעך, ניט א קוועטש דאס מיילבעל, זעהט זי אז דאס קעפיל גיט זיך נאך אין אלע זייטען, וואוהין זי בייגט עס. און בלייבט שנדליך ליגען גלאט, ווי א שטיק בלייה אויפ'ן קוי-שען. דעמאלט מאכט די מוטער א גע-וואלד, שפרינגט ארויס דער פאטער פון צווייטען בעט א צושויבערטער, און דערזעהט, ווי דאס ווייב האקט זיך מיט'ן קאפ אן קאפעז-ברעטעל איבער צפורה'לעס אויסגעבלייכטען פנים'ל..

———

עס איז געווען א שבת אין דער פריה ווען די צוויי מעשענע לייכטערלעך זע-נען געשטאנען אויפ'ן קליינעם מישעל פאר'ן פענסטער פערוויסט. א גאנצען שבת'דיגען טאג איז די מוטער גע-זעסען ״קלאגענדיג זיך איבער איין ארט און מיט אנ'אראפג״האנגענעם קאפ אי-בער'ן טויטע, אפגעהויבענעם קינד אויף דער ערד, וואו עס איז געלעגען איבערגעדעקט מיט א לייליך. דער פא-טער איז געזעסען אין דרויסען אויפ'ן גראז. ווי א פערטריבענער אין גלות אריין, און יעדעס מאל, אויפהייבענדיג דעם בליק איבער'ן פענסטערל און דערפיהלענדיג די שטילקייט פון דארט האבען זיך איהם טרערען געשטעלט אין די אויגען.

עס נעהט אריבער דער שבת'דיגער טאג, עס קומט או דער שבת צו נאכט. און מיעף נאך האלבער נאכט, בשעת אלע הייזער פון ארום זענען שוין גע-לעגען אין פינסטערקייט פערהילט, האבען די שפיצען דעכער, וואס שטע-הען אזוי שטענדיג פערטראכט אין הי-מיל אריין, געזעהען, ווי פון צווישען זיי האט פון איינס, פון דעם קלענסטען שכנות'דיגען הייזעל העל-רויט זיך גע-לויכטען איין פענסטער'ל מיט אנגע-צונדענע גראשענע ליכטלעך. עפעס טהוט זיך דארט אב אין יענעם שטי-בעל הינטער יענעם פענסטערל, עפעס א שטילקייט און אנ'איינגעהאלטענקייט עס פיהלט זיך פון דארט אין דער היי-מינער גאנצער נאכט. און זונטאג בע-גינענ. נאך איידער א מהיר האט פון ערגיץ אנ'אנדער הויז געסקריפיעט, האט זי שוין דארטען דעם ערשטען סקריפ געטהון. און א קליין הייפעלע, עפעס ווי שווארצע און איינגעהויקערטע מענ-שען האבען זיך פון דארט א לאז גע-טהון עפעס טראגענדיג צווישען זיך און שטארק איילענדיג איבער'ן געסעל צום בית עולם. — — —

———

איף צפורה לעס קבר'ל וואקסען שוין היינט בלימלעך. יא, יא... און אלע פריהמארגען בעשיינט זיי די זון, חאטש צפורה'לע אליין האט שטענדיג געלעבט אין א פינסטער שטיבעל און קיין בלי-מעל קיינמאל נישט אנגעקוקט.

ב. עפעלבוים.

די אלטע...

(לעגענדע)

I

איז עק דארף, ביים וועג וואס פיהרט קיין רמה, אין א קליין נידעריג הייזעל האט זי געוואוינט.

און געווען איז דאס הייזעל ארום-געררונגעלט מיט גריגע תמרים, הארט זענען די תמרים איינער נעבען אנדע-רען געוואקסען, צווייג אין צווייג האט זיך נעפלאכטען, און דאס נידעריגע הייזעל איז גרינס פערהוילען.

און געלעבט האט זי — די ארימע שענע יתומה הדסה — א גליקליכע, א פרייליכע, איהר איינציגע גארטען מיט בלומען געציערט, און שטענדיג גע-חלומ'ט פון איהר אבשלום'ן.

און אלע פריהמארגען, ווען די זון האט זיך נאר בעוויזען, האבען די ערש-טע שטראהלען איהר געוועקט, און א פרייליכע איז זי אויפגעשטאנען פון איהר מיידעל-בעט... מיט א מארגען-האפנונג אין יונגען הארצען, איז ארויס א טאנצענדיגע אין גארטען, די בלומען מיט וואסער בעגאסען, און יעדער בלי-מעל האט איהר עפעס צוגעזאגט... אין יעדען בלעטעלע האט זי דערקענט א שמייכעל פון איהר בעשערטען.

און אלע פארנאכט, ווען די זון האט זיך אין ים אראבגעלאזט א צוגליהטע און די כוואליעס אנגעצונדען, האבען זיך די תמרים ארום הייזעל מיט א תפילה צושאקעלט, שווארצע שאטענס זענען געקומען בחשאי פון די פעלדער און נערטענער ארום, די תמרים אין א נאכט-סוד פערבארגען, און פון ארום שאלט דאס בין השמשות-ליעד פון די ארבייטער, וואס פערלאזען די פעלדער. ווייטע עכא'ס טראגען זיך אין דער ליידינקייט, און נאך זיי—קומען ווידער-קולות...

אוו דאן האבען זיך די פיינעל אין זייערע נעסטען אויפגעחאפט, זיך מיט א געזאנג מיט'ן טאג געזעגענט, און דער שיינער הדסה'ן פון איהר נעצעלט געררופען, און דאן איז הדסה ארויס אין גארטען, זיך פערקוקט און געזעהן: די זון ווערט דארט ווייט אין פלאמען פערברענט ביז זי ווערט אויס... און עס קומט די נאכט, און באלד האט זי זיך אין דרויסען ביים וועגעל געשטעלט און'ן געקוקט צום ברייטען וועג מיט א קלאפענדיג הארץ.

און דארט ווייט, אויפ'ן זאמדיגען וועג, האט זיך א געשטאלט בעוויזען, זיך אלע וויילע מעהר דערנעהנטערט, און הדסה האט תיכף אויף א צווייג ארויפגעקלעטערט, זיך איינגעקוקט אין דעם אנקומענדיגען, און געזעהן: ער שפאנט מיט שטארקע און זיכערע טריט, און ער אייטל אין גאנג, האט זי באלד איהר אבשלום'ן דערקענט. מיט א פרייד-געשריי פלינק ווי א הירש איז אראבגעשפרונגען, איהם א קעגען געלאפען.

און דארט, האט זיך דער פוס-נעהר אפגעשטעלט, א ווייל גוקוקט. און באלד זיך געלאזט לויפען פייל פון בוינען א קעגען איהר.

און מיט דעם אויסגעהן פון די לעצטע שטראהלען אויף די פעלדער פון יהודה, האבען זיי זיך געגריסט, און מיט פרייד-אויסרופען זיך אויף די עקסלען געפאלען...

און די פעלדער ארום, רוהען שוין אין שאטענס, א מילד ווינדעלע האט זיך זאכט צובלאזען, א סוד חעפט זיך אין לעדיגען רוים זיסע קלאנגען טרא-גען זיך פון מרחקים אוי א הייסער קוש האט זיך מיט דעם ווינדעל ערגיץ ווייט ווייט פארטראגען...

און איבער זייערע קעפ. האבען זיך א מחנה שיינע פייגעלער בעוויזען, זיך צוזווייטשטשערט, און זונגענדיג זיי בע-גלייט צום הייזעל...

— — — — — — — — —

און די נאכט איז א קלארע געווען, א בלויער הימעל האט זיך אויסגעפלאס-טערט איבער דער געגענד, און דארט איבער די שפיצען בוימער פון וואלד לבנון, האט זיך א זילבער-בלאסקייט בעוויזען, און עס גענעם ארוים די לבנה פון איהר בעהעלטעניש, בעוויזט זיך איבער'ן וואלד און צושמייכעלט זיך, הויבט אן פלעכטען זילבער-נעצען און פערוועבט מיט זיי פעלדער און גערט-נער, בוימער און בערג...

און צווישען די תמרים זענען זיי שטיל געזעסען, און די הערצער האבען מיט א סוד אויפגעבריוזט. עפעס א חלום האט שטארק געמאהנט א פתרון... און געטוליעט האבען זיי זיך ווי די ווייסטע קלארסטע טויבי...

און די לבנה איז נעהנטער געקומען, זייערע קעפ מיט זילבער-קראנצען בע-ציירט...

און אבשלום האט איהר צו זיך גע-טוליעט און געזאגט:

— שיין ביזטו מיין הדסה—ווי דער חלום פון מיין יוגענד, און ליעב ביזטו מיר ווי ליעב עס איז דאס לעבען, און טייער—ווי טייער עס איז די ערד מיי-נע. אויף וועלכע איך טרעט.

האט הדסה איהר קעפעל אויף זיין שטארקער ברוסט געטוליעט, לייכט גע-שוידערט און שטיל מיט א פערבענקט קול געברומט:

— מיין יונגער האט ערוואכט, דאס לעבען רופט מיך... און א יתומה בין איך, פערלאזט פון טאטענס אוין, פרעמד איז מיר א מאמ'ס ליעבקיים, און איך בענק נאך דעם אזוי לאנג שוין... מיין אבשלום נעהם מיך צו דיר...

— און איך וועל דיר היטען ווי א מאטענס אויג, וועל דיך לאסקען ווי א מאמע און דיין געליעבטער אויף אייביג בלייבען... די צייט איז שוין נאהענט..

II

און איינמאל פארנאכט, די זון איז שוין געווען פערגאנגען, און זי איז אויף א צווייג געשטאנען געקוקט צים וועג, און דאס הארץ האט עפ״ס געשראקען, אין איהרע בלויע אויגען האט א פחד אויפ-געציטערט, דער וועג ציהט זיך ווייט.

ז. סעגאלאוויטש.

מיניאטורען.

I

וואוהין?

איך געדענק א זעלטענעם פארנאכט מיט א וואונדערבאר׳ר נשמה-רוהיגקייט, בלויז די פיס האבען וועה געטהון פון לאנגען געהן איבער וואלד, בארג און טהאל.

די זון האט די אויגען געבלענדט און נישט געלאזען געפונ'ן דעם ריכ-טיגען וועג, וואו צו רוהען...

ענדליך זענען מיר צוגעקומען צו א קליינעם דערפעל. נידעריגע הייזלעך מיט שטרוי בעדעקט, נעבען יעדען הויז ווייסע בלימלעך, און קינדער, עלטערע און גאר יונגע האבען זיך געשפיעלט ביי די שוועלען.

מיר, די דריי יונגע לייט, וואס האבען געוואנדערט, פון שטעדטעל צו שטעד-טעל, און פון דארף צו דארף, צוליעב א קאפריזנעם פערלאנג: מיר האבען געזוכט אונזערע בעקאנטע חבר'טעס... מיר זענען פרעמד געווען פאר די דארפס-לייט מיט אונזער אויסזעהן, קליידונג און ארט האלטען זיך.

דאך האבען זיי אונז באלד מיט פריינדשאפט אויפגענומען, עסען און טרינקען געגעבען, פאר וועלכעס זיי האבען קיין געלד נישט געוואלט נעה-מען.

מיר זענען געזעסען אונטער אנ'אל-טע ליפע און אויסגעהערט, וואס זיי רעדען און דערצעהלען. מיר זענען אפשר נאך געווען מעהר נייגעריגער פאר די פויערים, וועלכע, האבען נישט אויפגעהערט אונז צו בעטראכטען.

אין דארף איז איצט אזוי שטיל גע-ווען, רוהיג האט זיך געוויגט די אלטע ליפע; ערגיץ האט א בהמה פערשפעטיגט, האבען די קינדער זי א היים געיאגט. די לעצטע שוואלבען זענען פארביי געפלויגען, א לייכטען קוויטש געטהון, ווי זיי וואלטען א ״גוטע נאכט״ זאגען און פערשוואונדען געווארען.

פארביי איז דאס מען דורכגעטרי-בען עטליכע צעהנדליג פערד, דאס האט מען זיי אויף נאכט-פיטער גע-טריבען

ענטציקט זענען מיר געווען פון דער שטילע אידיליע, פון דעם ברייטען הימעל, וואס האט געררוהט איבער'ן דארף.

— אזא לעבען איז שעהן, האט איי-נער פון אונזערע צו אונז זיך אנגע-רופען.

און א אומעט האט געקלונגען אין זיין קול.

— איך בין זיי מקנא, האט דער צווייטער אפגעהערציג געזאגט.

איך האב אויך דאס זעלבע גע-פיהלט.

פלוצלונג ווענדט זיך צו אונז אנ'-אלטער פויער:

— אין שטאדט מוז זיך גוט לעבען! עס איז דארטען אינטערעסאנט ביי אייך...

מעהר האט ער נישט געזאגט דער אלטער פויער.

נור פאר די אויגען האבען מיך שוין געשוועבט פערגעגענטע און פערשנייטע הייזלעך, בלאטע, אין דארף, און פער-שיעדענע קרענק...

זיי אונטער'ן פרייען הימעל בענקען נאך אונזער ענגער שטאדט;

און מיר זענען זיי מקנא...

גאט! אויף דער ערד, ווייט אויס איז אין ערגעץ נישט גוט, קיין גליק-ליכער וועג איז ניטא פאר דיינע קנעכט —די מענשען.

II

א פילאזאפישער דיאלאג.

— צוליעב וואס טהוסטו עס פריינד! געכטען האסטו ארויפגעקלעטערט אויף דעם ווילדען פעלו און אראבגעבראכט פאר אירען א פעלד-רויז, דו האסט דיין לעבען איינגעשטעלט צוליעב א געוועהנ-ליכען בלום, אין דער צייט ווען אונ-טען וואקסען א כך אזעלכע בלומען..

— אירקע האט דאס בלום געוואלט, זי האט אויך געוואלט מיין העלדישקייט זעהן...

— און צוליעב וואס טהוסטו עס היינט!

— צוליעב אלעמען, איך מיז זיי מיט וואס עס איז אריבערשטייגען, איך וויל זיין העכער פאר זיי, פאר די פחדנים, פאר די שקלאפען...

— אבער צוליעב וואס!

— ווייל דאן ווען איך וועל נישט הערשען איבער די שקלאפען, וועלען זיי הערשען איבער מיר.. און איך האב אזוי ליעב די פרייהייט, איך וויל אזוי נישט זיין עהרליך צו זיי.

— זיי פארזיכטיג, פריינד! דו האסט אויסגעקליבען אזא ווילדען פערד צום רייטען, דו ווייסט דען נישט, אז דעם פארינען רייטער האט דאס פערד אראבנעווארפען און צושמעטערט!

-- איך ווייס, אבער זעה סאר א אויגען זיי עפענען, ווי מקנא זיי זענען...

— און צוליעב וואס שטעלסטו דיין גאנצען פערמעגען אויף איין קארט! דו קאנסט דאך אלץ פערשפיעלען.

— אבער איך קאן דאך אויך אלץ געווינען.

— עס טרעפט דאך אזוי זעלטען.

— אבער עס טרעפט דאך יא...

— דו לעבסט דאך דעריבער שטענ-דיג אין שרעק.

— און שרעק לעבט דער שקלאף פון זיין יעדעס געפיהל, איך לאז פריי מיינע געפיהלען, אזוי פריי ווי אט דעם ווילדען פערד אירא! איבער בערג און טהאל, איבער דערנער און בלומען...

אירא! פליה! דו זעהסט אט בין איך געקומען צוריק א גאנצער, א פרעהלי-כער.

— עס קאן דאך אבער א מאל זיך מיט עפעס אנדערש ענדיגען!

— מיט'ן טויט!

— נו, יא!

— דאן בין איך דאך אוודאי פער-זיכערט.

— מיט וואס!

— מיט איביגער רוהם און פער-געטערונג, די שקלאפען האבען ליעב צו פערגעטערן זייערע געשטארבענע העלדען.

— אבער זאג נור, פערגעטערט פון שקלאפען... צי דען טרייסט דיר אזא פערגעטערונג! צי דען איז דיר ווענינ דיין אינערליכע רייכקייט, דיין געדאנק, אז דו ביזט העכער פאר זיי!

— זיי זענען בלינד, זיי זעהען נישט קיין טראפען פון מיין רייכקייט און איך מוז פאר זיי האבען א בייטש... איך שטעל מיין לעבען איין קאן און מיט דעם הערש איך...

— אבער זייער פערגעטערונג, צי דען טרייסט דיר עס!

— פיעל מאל יא... א מענשליכע שוואכקייט, דאך אין געציילטע מינוטען פון גשמה-ערהויבונג. ווארף איך זיי זייער גאנצע פערגעטערונג צוריק אין טהאל אראב.

— און דאן!

— אך, דאן טראכטען זיי, אז דאס איז א נייע העלדישקייט און זיי קניהען נאך מעהר פאר מיר...

III

דער אמת.

דו האסט מיר היינט אזוי פיעל בי-טערע אמת'ן אויסגעזאגט, האסט פאר דער צייט פון אונזער ליעבע אלע טיי-נע שוואכקייטען אויסגעפארשט און היינט האסטו עס מיט אזא גלייכקייט אין פנים מיך געווארפען. דאס וואס דו האסט נעכטען געלויבט האסטו היינט בעשפינגען;

שלעכטע! דיינע ליפען וועלכע איך האב אזוי פיעל געקושט, האבען היינט אזוי גע'סמ'ט מיין נשמה, דיינע אויגען האבען אזוי ביי געקוקט אויף מיר ווי די אויגען פון א שטיף-מוטער. דיין מהיר האסטו פערמאכט און אינגע-וועניג געלאכט פון מיר.

צוליעב וואס האסטו עס געטהון, אונ-דאנקבארע!

— ווייל איך האב דיך נישט ליעב...

— אך! זאג האטש צום לעצטען מאל אנ'אמת, זאג, אז דו האסט ליעב בעקומען א צווייטען און דערפאר ביזטו אזוי צו דיין ערשטען.

זאג, אנ'אמת!

הײַט, װערט פֿערפֿאַלען דאָרט צװישען גרױנע בערג, און לײדיג איז דער װעג, קײנער װײַזט זיך נישט.

און שטיל איז אַרום, און דער הימעל איז אױסגעלאָשען, דער ים האָט פֿון זיך אַ גרױסע שװאַרצע כמאַרע אױסגעשפּיגען, און אַ װינד האָט זיך אַרױסגעלאָזט. און אַ סך כמאַרעס געהן אױף, פֿערדעקען דעם הימעל אין חושך, און גרײכען שױן ביז צו די בערג. און דער װינד װערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, און דאָרט װײַט פֿאַלבט זיך דער ים מורא׳דיג. שױמט זיך און ברױזט, און אַ אימה טראָגט זיך פֿון אַלע זײַטען.

און אין גאַרטען איז פֿינסטער געװאָרען, דער װעג איז שױן פֿערבאָרגען אין שװאַרצקײט. און װי איז אַראָב פֿון דער צװײַג אַ שטילע, אַ מרה-שחורה׳דיגע.

און יענע נאַכט איז זי אין איהר בעצעלט װאַך געלעגען. געהערט דאָס קלאַפּען פֿון איהר אײגען האַרץ, און קײן רוה נישט געפֿונען.

און דאָך, האָט זי נאַכגעטראַכט: פֿערנאַכט האָט זיך די זון אונטער אַ שװאַרצען װאָלקען געזעצט, עס האָט געקװיטשען אױף אַ שװאַרצע רעגענדיגע נאַכט, און ער האָט דעריבער מורא געהאַט, זיך אין װעג צולאָזען.

אַ גאַנצע נאַכט איז זי געלעגען און זיך צוגעהערט צום ברומען פֿון װינד, צום קלאַפּען פֿון די בלעטער אין די שױבען פֿון איהר פֿענסטער׳ל, און קײן שלאָף איז נישט געקומען. און פּלוצלונג—טראַך! און טראַך! ערגיץ קײקעלט זיך אַ דונער, און פּלוצלונג פּלאַסט אױף אַ בליץ און בעלײַכט איהר שטיבעל, און אַ רעגען האָט אָנגעהױבען רױשען, און אַ פּחד טראָגט זיך אַזױ שרעקענדיג און מורא׳דיג — װי שדים װאָלטען איהר געצעלט בעלעגערט.

צומאָרגענס איז זי אױפֿגעשטאַנען אַ בלײכע, דער קאָפּ האָט װעה געטהון, און אַ גאַנצען טאָג איז זי װי אין אַ נעפּעל געהילט אַרומגעגאַנגען, נישט געגעסען פֿון איהר ברױט, נישט געטרונקען פֿון איהר טײַך, און אונגעדולדיג געװאַרט אױף דער נאַכט.

און צוריק איז דער טאָג אַ ליכטיגער געװען, און צוריק איז די זון פֿאַרנאַכט פֿערגאַנגען אין פּורפּור-פֿלאַמען, און װידער איז זי געשטאַנען אױף אַ צװײַג, שעה׳ן לאַנג געקוקט צום װעג, אָבער ער איז נישט געקומען...

און װידער זענען די לעצטע שטראַהלען פֿערלאָשען, װידער איז נאַכט, און דאַן איז איהר דאָס האַרץ צוזעהעמאַנט געװאָרען, און זי האָט זיך יעצט דערמאַנט אין זײַנע װערטער, װעלכע זי האָט דעם לעצטען אָװענד פֿון איהם געהערט, עפּעס האָט ער דערצעהלט: בײַ זײ אין דאָרף װאױנט עובדיה, דער רײַכסטער אין דאָרף איז ער... אַנ׳אײנאַנײַציגע טאָכטער האָט ער... שענער איז זי פֿון די גרינע שטראַהלען אין אַ זילבערדיגע לבנה-נאַכט...

און זי דערמאַנט זיך יעצט, אַז ער האָט יענעם אָװענד אַזױ זיך פֿערטראַכט און אַ סך געשװיגען, און די אױגען צו דער ערד געהאַלטען... און זי האָט עס נישט פֿערשטאַנען דעמאָלסט... עס איז איהר נאָר אױפ׳ן זינען נישט געקומען...

און עס װערט איהר שװער אױפ׳ן האַרצען. עס ציטערען איהר די פֿיס, עס שװינדעלט איהר פֿאַר די אױגען, דער בײזער געדאַנק גיט איהר נישט קײן רוה, און אַ װינדעל האָט אַ בלאָז געטהון, דורכלױפֿענדיג אַראָבגעריסען די טרעהר פֿון איהר ברעם, און ערגיץ אַװעק...

זענען אַזױ אַװעק אײניגע טעג און ער איז אַלײן נישט געקומען, איז זי אַװעק צום װעג און יעדען דורכגעהער געפֿרעגט: אפשר קומט איהר פֿון דעם דאָרף װאו עס װאױנט אבשלום? אפשר קענט איהר מיר זאָגען װאָס מיט איהם האָט פּאַסירט?..

און אײנער אַ װאַנדערער האָט זיך אָבגעשטעלט און געזאָגט:

— אבשלום איז געזונד, אבשלום איז גליקליך. די רײַכע שײנע טאָכטער עובדיה׳ס האָט איהם איהר האַרץ געשענקט...

און הדסה האָט אַ שרעקליכען זיפֿץ אַרױסגעלאָזט, איז טױט בלאַס געװאָרען און זיך מיט בײדע הענד דאָס פּנים פֿערשטעלט און זיך יאָמערליך צװײנט.

III

און דאָרט אין דאָרף: אבשלום האָט זיך פֿון זײַן אַרבײט צוריקגעקעהרט, זיך בײַ אַ קװאַל הענד און פּנים רײנגעװאַשען, אַרײַן אין זײַן הײַזעל, זיך אין זײַנע יום-טוב-קלײדער אָנגעטהון, און זיך געלאָזט צום הױז פֿון רײַכען עובדיה׳ן.

און פּלוצלונג: אַ װינד האָט אָנגעהױבען רײַסען, אַזױ שרעקליך, אַזױ מורא׳דיג און איהם דעם גאַנג געשטערט.

און אבשלום האָט זיך געשטאַרקט, געגען שטורעם געגאַנגען, און אַז ער איז שױן נישט װײַט געשטאַנען פֿון דעם הױז, האָט דער װינד אַ שרעקליכען ריס געטהון, כװאַליעס זאַמד האָבען זיך אין דער לופֿט װי זײַלען געהױבען, און איהם פֿון דאָרט אַװעקגעטראָגען.

און אבשלום האָט זיך מיט די לעצטע כחות געשטאַרקט, איז װידער אַ הין אַװעק, און בײַ דער טהיר געשטאַנען. נאָר דאָ — טראַ-אַ-אַ!!! האָט דער װינד איהם אַ הײב געטהון, און איהם ערגיץ אױף אַ פֿעלד פֿערשלײַדערט.

און דאָ האָט זיך אבשלום פֿערטראַכט, אָנגעהױבען פֿערשטעהן, זיך אױסגענכטערט פֿון דעם שכרות... װאָס עובדיה׳ס רײַכקײט האָט איהם פֿערשאַפֿט, זיך צוריק אין דער שײנער הדסה׳ן דערמאָהנט. אַ גאַנצע נאַכט געלעגען און געבענקט נאָך איהר! און מאָרג׳ן אױפֿגעהן פֿון טאָג, האָט ער זיך געשטאַרקט, איז אַװעק צום הײַזעל װאו הדסה האָט געװאױנט, נאָר ער האָט לאַנג אין טהירעל געקלאַפּט, און קײנער האָט זיך נישט געװיזען.

איז ער צו צום פֿענסטערל, מיט זײַנע שטאַרקע הענד די רעמלעך אױפֿגעבראָכען און אַרײַנגעשפּרונגען, נאָר דאָס הײַזעל איז לײדיג געװען.

און אבשלום האָט פֿערשטאַנען, אַז דאָ האָט עפּעס שלעכטס פּאַסירט, און װי אַ צומישטער איז ער אַרומגעלאָפֿען צװישען די מענשען, װאָס האָבען אױף די גערטנער געאַרבײט און געפֿרעגט:

— װײסט איהר נישט, װאו איז ערגיץ די שײנע הדסה? װײסט איהר נישט װאָס האָט מיט איהר פּאַסירט?

אז אײנער אַ װאַנדערער װאָס איז געקומען אַ פֿערקורישעטער פֿון צװישען די בערג האָט דערצעהלט: — צװישען די בערג פֿון יהודה בלאָנדזשעט אַרום אַ שײנע טאָכטער, מיט באָרװעסע פֿיס׳ צוריסענע קלײדער, די האָר װילד צושױבערט, בלאַס װי דער טױט, די אױגען שטאַר און פֿינסטער, און בעװײנט איהר יוגענד, און װעמען זי בעגעגענט פֿרעגט זי: — װײסט איהר נישט װאָס מאַכט דער בײזער אבשלום?

און אבשלום איז געבליבען װי געלעהמט, זיך מיט בײדע הענד דאָס פּנים פֿערשטעלט, און זיך צװײנט, און באַלד, האָט ער זיך אַװעקגעלאָזט מיט דעם װעג װאָס פֿיהרט צו די הרי יהודה...

———

עס איז שױן אַװעק אַ לאַנגע צײַט, און נאָך טרעפֿט מען צװישען די בערג פֿון יהודה אַרומבלאָנדזשען אַנ׳אַלטען גרײַז, די קלײדער זענען פֿון איהם אָבגעריסען, דאָס פּנים—שװאַרץ און װעמען ער טרעפֿט, פֿרעגט ער: — קענט איהר מיר נישט זאָגען, װאו בלאָנדזשעט ערגיץ אַרום די שײנע הדסה?

אַלע ציהען מיט די אַקסלען: — מיר האָבען אױלבע נישט בעגעגענט...

און נאָך טרעפֿט מען אַרומבלאָנדזשען אַנ׳אַלטע זקנה, געהט אַרום מיט צולאָזענע האָר. מיט װילדע פֿערלאָשענע אױגען, אַ געקנײטשט פּנים, און װעמען זי טרעפֿט פֿרעגט זי:

— װײסט איהר נישט װאָס מאַכט דער יונגער שלעכטער אבשלום?

און די װאַנדערער ציהען מיט די אַקסלען:

— מיר האָבען אױלבע נישט געזעהן...

יקיר װאַרשאַװסקי.

פּאַלעסטינא בילדער.

I

פֿון די נײַע גבורים-קדושים.

נעבען דעם ירדן און כנרת, אױפ׳ן װעג װאָס פֿיהרט פֿון דער קאָלאָניע דגניה, װאו די נאַטור איז אַזױ שעהן, די לופֿט אַזױ קלאָר, דער הימעל אַזױ בלױ און אױפ׳ן האָריזאָנט הילען זיך װי װײכע געקנײטשטע טעפּפּיכער אין זונען-שײַן, די בערג פֿון גליל; דאָס אָרט װאָס ליגט אין עמק-הירדן, נישט װײַט פֿון עמק-יזרעאל װאו יעדעס זאַמדעלע דערמאָהנט אָן אַזױ פֿיעל היסטאָרישע איבערלעבונגען, װאו יודיש בלוט האָט געפֿלאָסען װי װאַסער אין דער צײַט פֿון חורבן בית שני — אױף דעם אָרט געפֿינט זיך דער קבר פֿון דעם נײַעם יודישען גבור און קדוש.

באַרסקי איז זײַן נאָמען.

אַ צניעות׳דיג קבר׳ל, אַרומגעצױמט מיט אַ קלײן גדר׳ל פֿון לעבעדיג גראָז און בעשיט מיט בעשײדענע בלומען װאָס זײַנע חברים, די פּועלים און שומרים, לעגען דאָרט אַרױף װען זײ געהען פֿאַרבײַ — שטעהט ער זיך אין מיטען דער שעהנער און װילדער נאַטור.

נישט אײנער איז ער דאָ. נישט װײַט פֿון איהם, ליגען זײַנע חברים װאָס זענען געפֿאַלען כמעט אין דער זעלבער צײַט; זאַלצמאַן אין כנרת און פֿעלדמאַן אין מרחביה, און זײער בלוט איז געװאָרען אײנגעמישט מיט׳ן בלוט פֿון זײערע עלטערן די גבורים פֿון צװײ טױזענד יאָהר צוריק װאָס זענען אױך געפֿאַלען פֿערטײדיגענט זײער לאַנד און עהרע פֿון זײער פֿאָלק.

נאָך אַ יונג קינד געװען, אַנ׳אָבגעהיטעס בײַ טאַטע-מאַמע, אַ קינדיש פּנים און פֿער׳חלום׳טע אױגען, מיט אַ װאַרם האַרץ, אָבער, און מיט אַ פֿיהלענדעס, מיט אַ האַרץ, װאָס האָט געהאַסט די קנעכטשאַפֿט און געפֿיהלט דאָס נײַע פֿרײַע לעבען, װאָס הױבט אָן שפּראָצען אין דעם אַלט-נײַען לאַנד — האָט ער פֿערלאָזט די הײם, דאָס קלײנע שטעטיל סקװירע, גענומען מיט אױפ׳ן שװערען װעג דעם אַלטען זײדענס און טאַטענס ברכות און דער מאַמעס אַ טרעהר און זיך געלאָזט אױף די בערג פֿון גליל.

בײַ טאָג בענאָסען די ערד מיט שװײס פֿון אַרבײט, און אין אײן האַנד דעם ברױנינג און אין דער צװײטער דעם אַקער-אײַזען. און בײַ נאַכט, בײַ אַ ברענענדיג ליכטעל, געלערנט די יודישע געשיכטע. די מעשים פֿון די גבורים װאָס האָבען אױף דעם אָרט געלעבט און געפֿאַלען—און געשעפּט כח אױף דעם מאָרגענדיגען טאָג.

און פֿון צײַט צו צײַט געפֿיבערט, געלעגען אין 40 גראַד היץ, און די חררה בעקומען, מכה פֿון דעם האַלב פֿערװיסטען לאַנד, און װי נאָר די היץ האָט אַ ביסעל אָבגעלאָזט—װײַטער זיך גענומען צום ברױנינג און אַקער און װײַטער געטרױמט פֿון אַ גליקליכע, יודישע צוקונפֿט.

און אײנמאָל אין אַ שײנעם פֿאַרנאַכט, װען די זון האָט אָנגעהױבען זיך אַראָבצולאָזען צו מערב און אין דער לופֿט האָבען זיך געטראָגען װײכע, סודות-פֿולע קלאַנגען — איז געקומען צו לױפֿען, אָהן דעם רײַטער, דאָס פֿערד װאָס באַרסקי איז מיט דעם פֿאַר אַ שעה אין פֿעלד אַרױס.

שטיל איז דאָס פֿערד געקומען, מיט אַנ׳אַראָבגעלאָזטען קאָפּ און אױפֿגעשטעלטע אױערען, גלײַך עס האָט געפֿיהלט דאָס גרױסע אומגליק װאָס איז געשעהן מיט זײַן רײַטער. געװאָלט עפּעס דערצעהלען און נישט געקאָנט...

און װען זײַנע חברים, די פּועלים, זענען אין פֿעלד אַרױס, האָבען זײ געטראָפֿען זײער חבר אין אַ טײַך בלוט.

און קײן טרעהר איז נישט געפֿאַלען און קײן זיפֿץ האָט זיך נישט אַרױסגעריסען פֿון האַרץ. שטיל איז געװען אַרום און שטיל האָבען זײ דעם צער איבערגעטראָגען. זײ האָבען געפֿיהלט אַז דער זעלבער גורל װאַרט אפשר אױך אױף זײ... שאָטענס האָבען זיך פֿערשפּרײט אַרום. די זון האָט זיך הינטער די בערג בעהאַלטען.

לאַנג האָבען די חברים דעם סוד געהאַלטען, ניט געװאָלט די עלטערן די שרעקליכע בשורה אָנזאָגען. און צום סוף, נאָך אַ לאַנגע צײַט, װען זײ האָבען געמוזט זײַנע עלטערן װעגען דעם אומגליק מודיע זײַן, און צוזאַמען אַ טרײסט-בריף געשיקט אין װעלכען זײ דריקען אױס זײער צער און מיטגעפֿיהל אױפ׳ן טױט פֿון זײער זוהן—איז אַלס ענטפֿער אָנגעקומען דעם געהרג׳עטענס יונגערער ברודער, דעם פֿערשטאָרבענעמס אָרט צו פֿערנעהמען...

יונג און פֿריש, מיט ברכות פֿון אַלטע זײדען און מאַמען און מיט אַ הײסער טרעהר פֿון דער מאַמען איז ער געקומען. מיט געװעהר און אַקער אין האַנד בעגיסט ער אױך מיט שװײס די הײליגע ערד. און פֿערבײַגעהענדיג דעם ברודערס קבר שװערט ער נישט אָבצוטרעטען פֿון אָרט װי לאַנג די כחות װעלען טראָגען.

און בײַנאַכט, נאָך דער אַרבײט, װען בײַ אַ קלײן ליכטעל, לערנט ער די העלדען-טהאַטען פֿון די גבורים װאָס האָבען מיט צװײ טױזענד יאָהר צוריק פֿערטײדיגט זײער לאַנד און פֿאָלק—געהט ער אַרױס שטיל פֿון זײַן צימער צום קבר פֿון ברודער, רײַסט אױס אַ בלוט-רױטע בלום און לײגט זי שטיל אױפ׳ן הײליגען קבר און שװערט: ביז׳ן בלוט פֿאַרטײדיגען די אַרבײט פֿון די גבורים אַ מאָל און דעם גבור פֿון הײַנט.

———

װי אַ לעגענדע קלינגט די ערצעהלונג װי אַ מעשה פֿון לאַנגע אַלטע װאָס האָבען שױן קײן אָרט ניט אין אונזער הײַנטיגע לעבעדיג, און דאָך איז זי אַזױ נאָהענט צו אונז.

און הײליג װעט בלײַבען דער נאָמען פֿון דעם יונגעל מיט די פֿערחלום׳טע אױגען, װאָס זײַן בילד הענגט ביז הײַנט אין אַרבײטער-הױז אין דגניה. און אַ דור צו אַ דור װעט איבערגעבען די ליכטיגע געשטאַלט פֿון דעם יונגען יודישען העלד און אױך די העלדען-טהאַט פֿון זײַנע עלטערן אינ׳ם קלײנעם שטעטעל.

און נישט אײנער איז ער. צװישען זײַנע חברים אין גליל, די פּועלים און שומרים, זענען זײ נישט װעניג װאָס בײַ דער ערשטער געלעגענהײט געהען זײ איהם נאָך...

משה בראדערזאהן.

סטודענט גרינפעלד.

פֿרײַטאָג פֿאַרנאַכט, די זון הױבט זיך אָן מיט אַ רױטער פֿאַר׳חנ׳דעלטען, פּנים אַראָבצולאָזען װײַט הינטער די פֿױערישע הײַזלעך, לאָזט זיך אַראָב דער סטודענט גרינפעלד.

ס׳איז אַ נידעריג בחור׳ל, שױן צװײ בר-מצוה׳ס אַלט, אַ געװעהנליכעס, מיט װײכע טונקעל-פֿלאַקסענע האָהר, װאָס הענגען בײַ איהם אַראָב פֿון הינטען פּאַטילניצע, און אַ בלױ קאַרטוזעל, מיט אַ פּאָר דין-שטאָלענע ברילען, װאָס פֿעהנ׳ען און פֿעראײדלען זײַן בלײך אױסגעמאָגערט פּנים׳ל.

מײדלאַך האָבען איהם ליעב.

ס׳האָבען איהם נאָגיג גערן דעם טעקלער שטײנבערג׳ס צװײ טעכטערלעך, בלײכע מײדלעך מיט טונקעלע אױגען; ס׳האָט איהם ליעב די באָנע, פֿרײַלין רעגינאַ, װאָס בײַ די עפּשטײנ׳ס די דרײַ שװעסטער קאַלמאַנאָװיטשעס, װאָס װאױנען בשכנות מיט די שטײנבערג׳ס, די 27 יעהריגע אסיסטענטקע מאַלקין האָט איהם ליעב, און נאָך האָבען איהם ליעב—כמעט אַלע שעפּפֿונגען פֿונ׳ם עדעלען געשלעכט, װאָס װאױנען אױף ראַטשע אין די דרײַ נאָהנסטע פֿױערען-הײַזלעך נעבען די שטײנבערג׳ס.

עפּעס זומער—די זון—פֿרײַטאָג צו נאַכט׳ס האָט נאָר אַנ׳אַנדערע מראה אַ שבת׳דיג מלכות׳דיג פּנים, און צוגיסט זיך אין אַ ים רױטקײט אָהן אַ ברעג, װערענדיג אָנגעגאָסען אַלץ גרעסער און גרעסער.

סטודענט גרינפעלד געהט אַרײַן אין דאָרף בנעימות, מיט אַ פֿערריסענעם קעפּעל, דעם נאָז פֿערשפּיצט,—עס שמעקט גאָ אַלריג,—אונטער אײן פּאַכװע אַ צװײ דרײַ נישט אײנגעבונדענע ספרים פֿאַר זיך און פֿאַר לײַטען, און אונטער דער אַנדערער פּאַכװע שטענדיג אַ פּעקעל׳ע זיסע מאכלים, אָדער אַ באָנבאָניערקע שאָקאָלאַד.

בעגעגענען איהם געװײנליך, בעגעגענט די יונגערע טאָכטער שטײנבערג׳ס, ניוניע, װאָס קוקט איהם יעדעס מאָל אָן מיט פֿערחידוש׳טע אײנגעליעבטע אױגען; נאָר נעהמט ער זי אָן אױף טשיקאַװעס, אונטער׳ן אָרעם העלפֿען—נישט מעהר, װי העלפֿען—שפּרינגט זי אונטער, װי אַנ׳אונטערגעשאָסענער פֿױגעל: „זי קאָן אַלײן! שױן טױזענדער מאָל האָט זי איהם געזאָגט!"...

— װאָס האָט איהר געזאָגט, סופֿראַזשיסטקע אײנע? — שמײכעלט גרינפֿעלד—ערשטענס, האָט איהר נײַן הונדערט נײַן און נײַנציג מאָל געזאָגט, נישט מעהר... און צװײטענס, אסור זאָל מיר זײַן, אײב איך װיל אײַך עפּיס שלעכטס טהון... איך האָב אַ טײַער האַרץ, װי איהר זעהט מיך לעבען!

סטודענט גרינפעלד פֿאַררוקט זיך דעם קאַרטוזל אױפ׳ן קאָפּ.

— לאָמיר בעסער ניוניע-לעבען, רײדען װעגען פֿרעהליכערע זאַכען,—זאָגט ער פֿרעהליך; — שענע, נײַע מײדלאַך זענען עפּיס בנמצא?...

ניאונע שטעקט אַרױס אַ קלײן, קלײן צינגעלע, גיט אַ שמײכעל מיט די ברעמען: „זי װײסט—נאָר איהר אַלײן האָט ער ליעב", נאָר פֿונדעסטװעגען, קריגען בײַ איהר די ליפּען אַ מײנענדיגען אױסדרוק, די אױגען װערען אױף אַ װײַל קלענער, און זי גיט אַ פֿרעג:

— און איך?... איך פֿרעג עס אױף אַ געלעכטער; איך בין פֿאַר אײַך װעניג?!

סטודענט גרינפעלד מאַכט אַנ׳ערנסט פּנים:

— װער זאָגט?... איך האָב אײַך ליעב, װי איך האָב ליעב דאָס לעבען, װי איך האָב ליעב דאָס שענסטע מײדעל, װי איך האָב ליעב... מאַלע, האָב איך האָב אַלץ ליעב!..

— אַ פֿרײַער האַרץ אַ ביסעל!

— נישט אזא פֿרײַ, װי—אַ גוט!.. פֿרעג איך איצט בײַ אײַך, זאָגט אַליין: קאָן מען פֿײַנט האָבען דאָס שענע?... קאָן מען פֿײַנט האָבען די זון, װען זי איז פֿאַרט שען? קאָן מען דען פֿײַנט האָבען אַ שענעם בױם, אַ שענעם הימעל, אַ שענע בלום, אַ שענע מײדעל?...

— אַ פֿאַרגלײַך אַ ביסעל! — קריגט ניוניע אַנ׳אירענישען קנײטש אױף די ליפּען.

— ס׳איז טאַקי אַ פֿאַרגלײַך!... און אײנס צום אַנדערען איז נישט שײַך,—זאָגט ער: — איהר, ניוניע-נאַלער, זענט אױך אַ שען מײדעל...

— טאַקי?

— טאַקי! דאָס װאָס איהר הערט?

— נעמט זשע אַ ביסעל אײן שטילעניש! — זאָגט ניוניע, און דער סטודענט גרינפעלד װערט אױף אַ קורצע צײַט שװײַגענדיג, געהט פֿאַרטראַכט, נאָכשלעפּענדיג דעם משונה׳דיג דיקען סעניקאָװאַטען שטעקען, מיט װעלכען ער זאָגט—ס׳איז גוט צו שלאָגען הינט...

ס׳קומט אױס מיט׳ן װאַלד-װעג צו צוגעהן,—אַ סך נעהנטער,— און זײ געהען האַנד בײַ האַנד; די פּיכער טראָגט זי שױן, און ער געהט פּאַמעלעך און טורמעלט אױף אַ דין קול׳כעל שטיל׳ערהײד:

— אַ, פּאָלניס פּאָלנאַ קאָראָבושקאַ—
צרות, צרות, אױפ׳ן פּוד
כ׳האָב דיך ליעב, מײַן טרײַ-זאַונאַ
בישקאַ
כ׳האָב דיך האַלד, װי כ׳בין אַ ייד.

— װאָס שװײַגט איהר, גרינפעלד?

— װער שװײַגט? איך זינג דאָך!—ענטפֿערט ער, און מיט גנב׳ישע פֿאָרזיכטיגקײט נעהמט ער זי אָן פֿאַר׳ן האַנד.

———

שפּעטער, נאָכ׳ן אָװענדברױט, זענען אַלע בײַ די שטײנבערג׳ס אױף דער װעראַנדע. אַלץ—אַלע בעקאַנטע מײדלאַך. אַלע צוגעטוליעט אײנע צו דער אַנדערער אין דער פֿינסטער. די נאַכט איז אַ שמעקענדיג װאַרימע, נאָר אַ פֿינסטערע, אַ טונקעל בלױע, אַנ׳אָנגעהױב-חודש׳דיגע.

סטודענט גרינפעלד זיצט בעל-הבית׳יש אױף אַ לײַטענטעם שטוהל, ברײט פֿונאַנדערגעװאָרפֿען, און פֿיהלט אין דער פֿינסטער, װי די ציטער-ראַקטערקע מאַלקין גלעט איהם זײַנע װײכע מײדעלשע האָהרען שמײכעלט ער פֿון איהר דרײסטקײט און דערצעהלט, דערצעהלט עפּיס מיט אַ שטילער פֿערטראַכטקײט, ענטמוטיגענדיג אַ שטיפֿערישען געדאַנק:

— מײדלאַך, פֿרױען—דאָס זענען די עדעלסטע פּאַרפֿומען זענען עס!... פּאַרפֿומען חאַ-חאַ—געאײגענט פֿאַר פֿערשידענע נעזער, די איהר זעהט מיך לעבען!... מערקט אײַך,—אין יעדער פּערפֿום, אין יעדער ריח שטעקט חאַראַקטערן—איך למשל, האָב ליעב קאָנװאַליע, נאָר אזא יאַהר מיר, װי אַלץ דאָס גוט שמעקעדיגע, אַל דאָס גוט בעטעמ׳טע האָב איך ליעב!... איך האָב ליעב און ליעב איז ליעב—און ס׳אַראַ מאָדנער גליק עס איז אַלץ ליעב צו האָבען...

איך האָב געװאָלט זאָגען אַנדערש װאָס, נאָר לאָמיר בעסער איצט אַ ביסעל שװײַגען! עס איז אזא שענע, רוהיגע נאַכט אַ שאָד, בנאמנות, צו שטערען!

סטודענט גרינפעלד װערט שטיל אױף אַנ׳אמת, און הערט זיך צו אין דער שטילקײט צו אַנ׳אײגענע געפֿיהל, װאָס צװאַקסט זיך אין אַ כמעט װעהמאַנ׳דיגען, פֿערדראָסיגען געדאַנק, װאָס פֿליהט דורך אין מח בליץ-שנעל:

— שױן זשע—טראַכט גרינפעלד;—װעל איך קײנמאָל, קײנמאָל נישט ליעב קריגען אַ מײדעל באמת׳דיג, מיט האַרץ?... שױן זשע—קײנמאָל נישט?

אינסטינקטיװ נעהמט ער אַראָב פֿון זײַן קאָפּ דער פֿרײַלין מאַלקינ׳ס הײסע האַנד.—

י. שאַיאַק.

דאָס יודישע טעאַטער אין לאָנדאָן.

דער זומער-סעזאָן.—„פּופּכען" געשפּיעלט אַכט מאָל.—זילבערט׳ס טורנע.—זאַנגװיל׳ס „שמעלץ-טאָפּ" אין „פּאַװיליאָן-טעאַטער".

דער יודישער טעאַטער-סעזאָן אין לאָנדאָן איז שױן פֿון לאַנג געשלאָסען, דער דירעקטאָר י. קעסלער, האָט זיך גענומען אַ מאָל פֿון זײַנע שױשפּיעלער און מיט זײ געמאַכט אַ „זומער-שפּאַציר" קײן רומעניען.

אָבער דאָך איז בײַ אונז דאָס טעאַטער אין „פֿולען גאַנג", װאָס הײסט עפּעס נישט שפּיעלען אַ װאָך! טאַקי. באַלד די ערשטע װאָך נאָך קעסלער׳ס אָברײזע, זענען שױן געקומען פֿריש געבאַקענע „סטאַרס" פֿון אַמעריקאַ (די אַמעריקאַנער אַ דאַנקען גאָט פֿערלאָזען אונז קײנמאָל נישט) און מען שפּיעלט שױן װײַטער טעאַטער.

די ערשטע װאָך זענען דאָ געװען די „סטאַרס" מר. הײמאַן, מר. לײביש גאַלער און מאַדאַם מילער, און געשפּיעלט האָט מען, פֿערשטעהט זיך, אױלבע דראַמען װי ז. ליבינס „נײַעסטע מײסטער װערק" —„דער קריפּעל". מיט אַ װאָך שפּעטער, װידער פֿרישעס, ה׳ שײנגאָלד פֿון אַמעריקאַ אין דער בערימטער היסטאָרישער אָפּערעטע „דוד בן ישי", אַ „טײַערע" פֿרוכט פֿון שמר׳ס אַ בױם... און אַזױ געהט עס בסדר. קײן יודיש טעאַטער אין לאָנדאָן פֿעהלט אַ דאַנקען גאָט, נישט.

האָבען מיר דאָך געמײנט, אַז מיט דעם ענדיגט זיך שױן דאָס „שטיקעל זומער-סעזאָן", זאָגען אָבער די יודישע אַקטיאָרען: נײן! װאָס הײסט? זומער דאַרף מען דען נישט גענײסען פֿון דער „שײנער קונסט". און טאַקי אײדער ס׳האָט זיך נאָך געענדיגט די װאָך, שױן װידער פֿרישע „טעלעגראַמען" אין די גאַסען „ר׳ איז דאָ! ער קומט, ער פֿאָהרט!" דאָס איז נישט קײן אַנדערער װי ער, שערמאַן אַלײן! און נאָך װאָס! שפּיעלען װעט מען אױגגס װאָס די לאָנדאָנער יודען האָבען נאָך פֿאַר די אױגען נישט געזעהן, און נישט נאָר די לאָנדאָנער יודען, נאָר אַפֿילו, די גױים אױך נישט, און דאָס איז װאָן גילבערט׳ס אָפּערעטע... „פּופּכען".

און אַרױסגעהענדיג צ׳מאָרגענס אין װײַטשעפּעל, זעהט איהר װי הונדערטער מענשען שטעהען פֿאַר׳ן יודישען טעאַטער און קוקען זיך צו, װי מען מאָהלט אױס אױף די ברעטער, װאָס שטעהן בײַם טעאַטער, עפּיס משונה׳דיג מאָדנע „בערען" װאָס געהען אױף צװײ פֿיס, און דער מיט שטעהט אַ קלײן „בערעלע" און עס שטעהט אונטערגעשריבען „שערמאַן".

מיטאָג צײַט אַרױף װײַטשעפּעל אַ געשטעהע, הונדערטער מענשען געהענדיג אַ הײם צו מיטאָג שטעלען זיך אָב און קוקען, רײַסען זיך פּשיט. שטופּען זיך. װאָס איז דאָס? װעמען האָט מען איבערגעפֿאָהרען? פֿרעגט אײנער דעם צװײטען מיט נײַגעריגע אױגען, און װען איהר שטופּט זיך דורך און קומט צו נעהנטער, זעהט איהר, װי פֿיער, צװײפֿיסיגע בערען שטעהען בײַ אַ װאָגען, אױף װעלכען עס איז אױפֿגעקלעפּט אַפֿישען פֿון יודישען טעאַטער װעגען „פּופּכען"...

און דער עולם הױבט זיך באַלד אָן צו װיצלען: געהסט הײַנט אין אָװענד אין יודישען טעאַטער? שערמאַן װעט דאָך װײַזען „בערען" װאָס ער האָט מיטגעבראַכט פֿון אַרגענטינאַ"...

און דעם אמת געזאָגט האָט „פּופּכען" געהאַט גרױס „ערפֿאָלג" אין לאָנדאָן. שױן אַכט טאָג װי מען שפּיעלט עס און מיט גרױס „ערפֿאָלג" (איך מײן דעם ערפֿאָלג פֿון דער קאַסע...) אַלע נאַכט איז דאָס טעאַטער פֿול, איך װײס ניט, צו צוליעב די „בערען" צו טאַקי צוליעב דער שײנער מוזיק פֿון דער אָפּערעטע. משטײנס אָבער, אַז צוליעב דער מוזיק. אַ סימן, אַז די בעװאוסטע פֿאָנאָגראַף-פֿירמע „סירענאַ" אַנאָנסירט שױן אין אַלע יודישע צײַטונגען די מוזיק-נומערן פֿון „פּופּכען" מיט אַ בילד פֿון דער „יודישער מעלבאַ" מאַדאַם גאָלדשטײן (פֿון לאָדז) און אַזױ װערט די זאַך פּאָפּולאַריזירט... און יעצט אַרױסגעהענדיג פֿון װײַטשעפּעל הערט איהר שױן אַנשטאָט „חאַנטשע" װי די קינדער זינגען „געהען מיר צום האָפּענבאַנ'"... און אַז שערמאַן געהט דורך װײַטשעפּעל טײַטעלט מען מיט די פֿינגער „פּופּכען געהט!"...

*

אין לאָנדאָן האָבען מיר יעצט אַ גאַסט, דאָס איז דער אַמעריקאַנער יודישער שױשפּיעלער מר. י ע ק ב ז י ל ב ע ר ט. ז. איז דאָ מעהר גאַסט װי אַלע איבעריגע, װײַל ער איז דאָ זעהר בעקאַנט אין די יודישע טעאַטער-קרײזען, פֿון זײַן פֿאַר-צװײ יאָהריגען סעזאָן, בעת ער האָט געהאַט גרױס ערפֿאָלג מיט זײַן „שײלאָק" און „קעניג ליר".

דערװײַל גיט זילבערט אײניגע גאַסטראָלען, און דאַן מאַכט ער אַ טורנע (לױט װי מען גיט מיר איבער צוזאַמען מיט שערמאַנ׳ען) איבער רוסלאַנד, לאָדז, װאַרשאַ, אָדעס, און דאַן אין גאַליציען און רומעניען, ביז צום װינטער-סעזאָן, װײַל שערמאַן איז שױן פֿאַר׳ן װינטער אַנגאַזשירט צו מר׳ קעסלער׳ן, װעלכער זאָגט צו, אַז דעם קומענדיגען סעזאָן זאָל דאָס יודישע טעאַטער אין לאָנדאָן זײַן עפּיס אַנ׳אױסנאַהם פֿון אַלע יודישע טעאַטערס. ער רעכענט אױך אַנגאַזשירען ה׳ מאַרק אַרנשטײן, אַלס רעזשיסאָר פֿאַר׳ן „פֿאָלקס טעאַטער" אין לאָנדאָן.

*

קומענדיגע װאָך װעלען מיר האָבען אַ שטיקעל יום-טוב אין דער יודישער נהעמאַ, די ציוניסטען װעלכע נויטיגען זיך אין געלד, האָבען בעשלאָסען אײנצואָרדנען אַ טעאַטער-פֿאָרשטעלונג לטובת זײער פֿעראײן „בית ציון" און נישט האָבענדיג קײן אַנדער אױסװאַהל אױף אַ ערפֿאָלג, האָבען זײ בעשלאָסען אױפֿצופֿיהרען ישראל זאַנגװיל׳ס נײַע דראַמע „דער שמעלץ-טאָפּ" און דוקא אױף ענגליש....

צו דער פֿאָרשטעלונג פֿון „שמעלץ-טאָפּ" אין פּאַװיליאָן-טעאַטער, װעט אױך קומען מר. זאַנגװיל און נאָך אַנדערע יודישע גדולים... זאַנגװיל׳ס דראַמע און ציוניסטען, שײן צוגעפּאַרט ...

ווער איז ער?

(בערלינער סקיצע)

— פון —

אברהם רייזען.

איך בין געזעסען אין „ווינטער-גאר-טען" און מיך געלאנגווײַלט.

די ערשטע נומערן זענען געווען אלט ווי די וועלט און איך האב געטראכט:

גאט מײַנער! מענשען פליהען שוין אויף עראָפּלאנען און מען איז שוין דער מיט אויך ניט צופריעדען, מען וויל נאך, — און דאך זענען נאך דא לײַט, וואס קומען זעהן, ווי אזוי אַנ'אקראָבאט געהט אויף א שטריק.

לאנגווײַליג!

איך ווענד אָב די אויגען פון דער סצענע און בעטראכט דאס פובליקום.

אויך אלט ווי די וועלט! די זעלבע פנים'ער האב איך געזעהן דוכט מיר מיט יאהרען צוריק אין ווארשוי, און ווין אין פאריז אין לאנדאָן און ניו-יארק!

נארישע און פלאכע פנים'ער! די דאמען—זענען עטוואס ערטרעגליכער, עפעס איז נאך דא אין זײַערע אויגען א פונק פון אײַגענארטיגקײט, פון פער-זענליכקײט.

ווענינסטענס אין דער קלײדונג. אָבער די מענער פון ווינטער-גארטען—אלע ווי אײנער!

און איך קלאג מיך אין געדאנק:

וואס איז דאס געווארען מיט דעם מענשליכען געזיכט! וואו איז א הינ-געקומען דאס „פינטעלע גאָט", וואס עס זאל האבען א מאל געבליצט אין מענש-ליכען אויג...

דער אײנציגער, וואס האט אַנ'ער-טרעגליך" געזיכט איז מײַן שכן, א מאן פון א יאהר עטליכע און פערציג, מיט אַנ'אָפענעם פנים.

ווער זאל ער זײַן! פון וואס פאר א פאלק, פון וואס פאר א לאנד.

קײַן דײַטש איז ער זיכער ניט. ער איז צו לעבהאפט, צו בעוועגליך. מעהר מאכט ער דעם אײַנדרוק פון א פראנ-צויז, האטש די אויגען זענען ווי בײַ אַנ'איטאליענער, די הויט פון געזיכט ווידער—מעהר אונגאריש.

און קוק איך מיך טיפער אין איהם ארײַן, דאכט זיך מיר נאר א גרעק. האטש עס איז ניט אויסגעשלאָסען ער זאל זײַן א טערק...

נאר אט קומט דער נומער 7 פון פראָגראם. עס זאל אינטערעסאנט זײַן: אכטא עהריק, דער בעריהמטער מי-מיק-נאכמאכער דארף ארויסטרעטען.

דעם ערשטען שטעלט ער פאר דעם אמעריקאנער פרעזידענט: ריכטיג ווי א האהר... ער ווארפט ארויס די אמע-ריקאנער פאהן, עטליכע פון פובליקום פאטשען רוהיג.

מײַן שכן אָבער איז בעגײַסטערט: זײַן געזיכט שטראהלט און די הענד ארבײַ-טען.

— הײַסט עס איז ער דאך נאר אַנ'אמעריקאנער!

און איך געפין טאקי אין איהם עט-וואס דעמאָקראטיש אמעריקאנישעס.

דער צווײַטער, וועמען דער מימיקער שטעלט פאר איז „ביסמארק". עס פלא-טערט די דײַטשישע פאהן.

דאס דײַטשישע פובליקום פאטשט, גאנץ געלאסען, מײַן שכן אָבער איז אינגאנצען חדוה. זײַן געזיכט ברענט פאר אינערליכער פרײַד און די פעטש —צום פערהילכט ווערען.

— איז ער דאך גאר א דײַטש! וויל איך ציהען שליסע פון זײַן בעגײַסטע-רונג, אָבער דער מימיקער ציהט שוין אן שנעל אַנ'אנדער פאריק און עס וועהט שוין איבער דער בינהנע די ענג-לישע פאהן:

גלאדסטאָן!

די דײַטשען האבען די ענגלענ-דער ניט ליעב און עס הערט זיך א שיטערער געוויש פון אײַנצעלנע אפלאָ-דירער. די אײַנציגע הילכיגע פעטש קומט פון מײַן שכן.

— זאל ער גאר אַנ'ענגלענדער זײַן —פערחדוש איך מיר.

נאר אט איז שוין אכטא עהריק אין פאריק פון פואנקארע און אין האנד די פראנצעזישע פאהן. די מוזיק שפילט די מארסעליעזע.

די דײַטשען ווערען ניט נתפעל:

אויף די פראנצויזען זענען זיי ברוגז. מײַן שכן אָבער שפרינגט פון שטוהל —ער קען פאר התלבות ניט אײַנזיצען

— איצט ווײס איך שוין אויף זיכער —בעשלים איך—ער איז א פראנצויז.

נאר, גאט מײַנער — אט איז שוין אכטא עהריק אין א פאריק פון א רו-סישען מיניסטער מיט דער רוסישער פאהן אין האנד.

און ער פערהילכט מיר די אויערן מיט זײַנע אפלאדיסמענטען.

זאל ער גאר זײַן א רוס... אָבער — גאט אין הימעל:

ער איז דאך ווילד בעגײַסטערט פאר ענוור-בײַ און פאר דער האלבע לבנה.

איז ער דאך, הײַסט גאר א טערק. נײַן! די רעטעניש, מוז קריגען בעשײַד. איך וועל איהם פרעגען ווער ער איז פון וועלכען פאלק און פון וועלכען לאנד!

איך בין זיך מכין אויף אַנ'אנ-שנײַט: אין דער אמת'ן וואס געהט מיר אן פון וואנען ער שטאמט און וואס פאר א נאציאָן ער געהערט.

אָבער מײַן נײַגעריגקײט וויל זיך מיט גארנישט רעכענען.

איך פרעג איהם.

און ער ענטפערט מיר מיט א שטראהלענדען פנים אין אזא דײַטש. וואס איז זעהר עהנליך צו יודיש:

— וואס הײַסט — איך בין א יוד פון עסטרײַך, ס'הײַסט אײַגענטליך פון גאליציען.

איך צולאך מיך שטארק און ענט-שולדיג מיך פאר איהם, וואס איך האב אין פערלויף פון א פערטעל שעה אין פערשיעדענע נאציאָנען און לענדער געוואלט פערוואנדלען.

— נײַן! נײַן! ענטפערט ער מיר גאנץ בעשײַדען, איך בין א יוד פון גאליציען!

— וואס זשע האט איהר אזוי גע-פאטשט דער אמעריקאנער פאהנע!

— וואס הײַסט! האט ער זיך אָנ-געהאפט — ווי אזוי זאל איך זײַן ניט פרײַנדליך צו אמעריקא! איך האב דארט צווײַ ברידער.

— נו, און וואס פאר א מחותן זענט איהר מיט ענגלאנד!

— הערסט! וואונדערט ער זיך אויף מײַן תמימות — ווײַסט איהר דען ניט. אז אין ענגלאנד האבען יודען אלע פרײַהײַטען.

— פערשטעה איך שוין. אָבער וואס איז מיט אײַך די שמחה געווען, ווען ער האט ארויסגעהערט די דײַטשישע פאהן.

— נו, פערשטעהט איהר מיך — דײַטשלאנד איז א שכנה מיט עסטרײַך — מ'איז במעט אײַן לאנד — און איך האנדעל אין דײַטשלאנד שוין עטליכע יאהר—פארוואס ניט!

— נו, און די רוסישע פאהן. זענט איהר הײַסט עס א רוסישער פאטריאָט.

— וואס איז שײַך צו זאגען א פאט-ריאָט! ס'איז דאך א רײַך לאנד און פריהער צי שפעטער — מען וועט דאך א מאל מעגען פאהרען א היץ געשעפט מאכען.

— פראקטישער יוד! טראכט איך און איך שטעל איהם נאך א פראגע:

— וואס זענט איהר אזוי קדוש גע-שפרונגען פאר דער טערקישער פאהן...

— וואס הײַסט—האט ער מיך אָנ-געקוקט פערחדושט — ווײַסט איהר דען ניט, אז ארץ ישראל געהערט צום טערק...

איך בין געבליבען העכסט צופריע-דען מיט מײַן עקזאמען.

דאס איז געווען א יוד מיט א ברײַט הארץ, אין וועלכען עס האבען זיך אײַנגעליעבט בשלום פילע לענדער און פעלקער.

☜ אום צו פערהיטען ☞
קראנקהייטען
פון זײַערע קינדער, קען יעדע מוטער פערשטארקען דעם קערפער פון קינד דורך ריכטיגע נאהרונג. די גרעסטע דאקטוירים האבען בעשטעטיגט
NESTLE'S קינדער-מעהל
ווירקט זעהר גוט אויף דער ענטוויקלונג פון קינד'ס קערפער אונד פערלײַכטערט דאס ארויסוואקסען פון די צײַן.

עזרא גאלדין.

באר=בלעטלאך.

V

לייפציגער קבלת-פנים.

דער „דע-צוג" איז ארײַנגעלאָפען אין לײַפציג, מיר אויף צו להכעיס, א זײַגער 12 בײַ דער נאכט.

אין א פרעמדע שטאָדט, דארפט איהר וויסען, איז גוט צו קומען פאר ליכ-טיגען, „בכי טוב", ווי אונזערע חכמים הײַסען, נעהמסט דײַן פעקיל מיט דײַן זעקיל און דו געהסט זיך אין שטאָדט ארײַן, וואו דו דארפסט געהן, וואו דו ווילסט געהן, בײַ דער נאכט אָבער איז א מיאוס'ער עסק, דו ווײַסט ניט וואו זיך צו קעהרען און וואו צו ווענדען, מוזט שוין פארפאהרען אין א האטעל. דארף מען וויסען אין וועלכען. עס זאל פאסען פאר דײַן כבוד און פאר דײַן בײַטעל.

און עס האט טאקי געקענט זײַן אזוי, איך האב מיר געקענט פאהרען א גאנ-צע נאכט און קומען „כעלות", אין דער פריה, האט אָבער דער חאפער, פערכאפט זאל ער ווערען, איבער געהיפט און איבערגעשפרונגען, ווי א יוד חאפט אפ און היפט איבער „אשרי", און האט מיר א שטעל אָבגעטהון — בײַ דער נאכט אין לײַפציג.

איך נעהם מײַן פאראסאל, איבער-לאזען איהם האב איך שוין מורא, מען קען נאך מיך ארומזוכען איבער'ן שטעדטיל מיט פאליצײַ און דערלאנגען מיר דעם תכשיט, נעהם איך מײַן פאראסאל און נעה אין וואקזאל ארײַן, איך קוק מיר ארום, אפשר טרעפט מען א יודען, ווי שייך איז אין לײַפציג ניטא קײַן יודען! איך קריך ארום איבער דעם גרויסען וואקזאל און זיך, מ'הערט ניט און מ'זעהט ניט, ניטא אפילו אויף א רפואה א יוד.

גלויב איך מיר אלײַן ניט, עס קען אין דער וועלט ניט זײַן, אז א שטאָדט ווי לײַפציג, וואס איז געווען א מאל בעריהמט מיט איהר דרוק פון יודישע ספרים, א קלײניגקײַט „נדפס בלײַפציג", א יחוס, געדרוקט אין לײַפצוג, איך געדענק ניט אויסוועניג וועלכע ספרים אָבער איך געדענק זעהר גוט, אז לײַפ-ציגער דרוק איז געווען א נומער, גרויסע קלארע אותיות; נו, איז ווי שייך אז דא זענען קײַן יודען ניטא! הײַנט לײַפציגער פעלצען, איז דאך א שם דבר, לײַפציגער פעלץ איז בע-קאנט אין דער וועלט ניט ווענינער פון לײַפציגער דרוק; די וועלט פאהרט דאך קײַן לײַפציג קויפען גאנצע בלא-טען און האלבע בלאטען און מופקעס און שאליקעס. אלץ פעלצענע, דאס מאכט אלץ לײַפציג, וועל איך מיר לא-זען אײַנשמועסען, אז דאס אלץ ווערט אָבגעמאכט אָהן א חינו בני ישראל, עס קויפט זיך און פערקויפט זיך אלײַן פון זיך אָהן יודישע מעקלערס, אָהן יודישע קאמיסיאָנערען, אָהן א „יד ישראל", א יוד זאל א האנד ניט צו שטעקען!

איז וואו זענען זײַ!

בײַ אונז, אין דער הײם, איז מען זיך נוהג, אז מען געהט צו א פאיעזד, זיך גלאט אזוי, א שמעק טהון, טאמער קומט א בעקאנטער, טאמער א סוחר, טאמער א מוכר. ווי שייך ניט געהן אכווארטען דעם פאיעזד! מען שלאָפט ניט, מ'טהוט, מען זוכט, און אז מ'זוכט געפינט מען, און דא, האט איהר גע-זעהן א פיהרונג! אט קומט א מענש צו פאהרען, איך וועל דאך דא, אם ירצה השם, קויפען, איך וועל דא גע-בען צו לײַזען, איך דארף זיך דאך בעקלײַדען פון קאפ ביז די פיס, און נא דיר, אפילו קײַן פוס פון קײַנעם ניטא, געה זוך זײַ.

דערווײַל וואס טהוט מען!

געה איך צו צו דעם שווײַצאר און גיב איהם א פראגע, אפשר ווײַס ער וואו עס וואוינט דא א יוד ניט ווײַט פון וואקזאל, איך זאל קענען בײַ איהם נײַכטיגען!

איך רעד ווערטער און דער דײַטש מאכט זיך נעפגר'ט, אז ער פערשטעהט ניט, גיב איך איהם נאך א מאל צו פערשטעהן. צולעג איהם אויפ'ן טעלער ווארט בײַ ווארט, און ער הערט מיך גוט צו, אז איך האב שוין מיט איהם אײַנ-געקנעלט א היבשע צײַט, גיט ער מיר א פראגע:

— ווי הײַסט ער דען!

איהר פערשטעהט א פערד! איך זאל איהם זאגען ווי ער הײַסט. אז איך וואלט געוואוסט ווי ער הײַסט און וואו ער וואוינט איז צו וואס וואלט איך גע-דארפט זיך ארומדרעהען אין וואקזאל און זוכען ווי מיט ליכט, און צו וואס וואלט איך נעדארפט אײַנקנעלען מיט דעם גראָבען קאפ א צײַט!

בלײַבט בײַ מיר א פלאן, אז איך וועל נעהמען א דראָזשקע זיך ב'ז'דינגען פריהער, ער זאל מיך אַפּפיהרען אין שטאָדט ארײַן, און אזוי זיך א גאסט-ניצע, ניט קײַן גאנץ טײַערע, א מין נאסט-הויז, אזוי ווי בײַ אונז די „מע-בעלירטע צימער", וואס קײַן מעבעל איז דארט נאר ניטא, נאר מ'רופט עס „מעבעלירטע". און צו וואס דארף איך אין וועג מעבעל! די מעלה איז אָבער וואס דארט איז מען אזוי ווי אין נח'ס קאסטען: צו צווײַ אין א קעסטיל, א מאל צו דרײַ אויך קאסט עס ביליגער.

אז איך בין ארויס פון וואקזאל, זעה איך פון ווײַטען, שטעהט אַן אײַנציגע דראָזשקע, אלע זענען שוין צופאהרען, פערשטעהט איך, אז מײַן דינגען זיך וועט מיר נאר נישט העל-פען, איך וועל שוין בעצאהלען ווי א טאטע, ווערט מיר קאלמוטנע, איך זעה אז עס געהט מיר מיט דער פוטער אראָב.

איך געה צו, איך קוק אן די דראָזש-קע מיט דעם פוהרמאן און ער קוקט מיך אן, קוקען מיר זיך בײַדע אן ווי די הענער...

מיר איז ניט געפעלען די דראָזשקע, א צו טײַערע כלי, עס איז נארניט קײַן דראָזשקע, עס איז א טײַערע קארעטע, גרויס ווי א טראמוואי און בלאנק און אויסגעצוּבעט ווי א גוטע קנאפע, און דער פוהרמאן אין דעם רײַנעם טוכע-נעם שינעל מיט בלאנקע קנעפ, ער מוז ווארטען אויף א פריץ, עס איז מסתמא ניט קײַן דראָזשקע, וואס מען דינגט אויס צו פאהרען אין די „מע-בלירטע צימער".

ער, ווידער, דער פוהרמאן האט מיך אויך שטארק אנגעקוקט פון קאפ ביז די פיס, איך בין איהם אויך ניט שטארק געפעלען, אין מײַן קאמליאטענער מא-רינארקע מיט דעם שלאף-מיצעל...

שווײַג איך און ער שווײַגט.

— פאהרען!—גיט ער מיך א פראגע נאכדעם ווי מיר האבען זיך שוין גע-נוג אָנגעקוקט און אָנגעשוויגען.

— יא, יא, פאהרען! — דערפרעה איך מיך שוין, אז ער וויל פאהרען, איז דאך משמעות, אז דאס איז ניט קײַן קארעטע נאר א דראָזשקע.

— וואוהין!

— אין האטעל—ענטפער איך איהם.

מיר האט שוין ניט געפאסט, פער-שטעהט איהר, צו הײַסען איהם, ער זאל מיך פיהרען אין א ביליגען מקום, אין די „מעבלירטע", אז ער איז מיך ניט מכיש, דארף איך אויך קײַן „דבר-אחר" ניט זײַן.

איך זעץ מיך ארײַן ווי א פריץ און מיר—שלעפען זיך...

אזא יאהר זאלען האבען די, וואס ווינשען יודען שלעכטס. וואס א פאהי-רען דאס איז אין דײַטשלאנד. עס איז פראסט חוזק געמאכט. בײַ אונז, אין דער הײם, אין רוסלאנד, איז פאהרט מען, אז דו זעצט זיך ארײַן איז האלט זיך נאר שטארק צו, פאהרסט מיט נאך א פאסאזשיר, האלט מען זיך אײַ-נער אָן דעם אנדערען, פאהרט מען אלײַן, האלט מען זיך אָן א אײַזען פון דראָזשקע און מ'פאהרט אזוי ווי עס ברויך צו זײַן; דער פוהרמאן טהוט זײַן עסק. א שמיץ און ווידער א שמיץ מײַנען מײַנט ער אלץ דאס פערד, נאר א מאל חאפט דער פאסאזשיר אויך ניט ווילענדיג א שמיר מיט'ן בײַטש איבער'ן פנים, אז ער דערזעהט די עלטער בא-בען פון יענער וועלט, און מ'פאהרט מיט חשק, געשווינד. דאס פערדיל איז א קלײַנס, א שוואכס, אָבער א פלינקס און דאס בײַטשעל גיט אונטער חשק, פאהרט מען ווי עס ברויך צו זײַן. דא אָבער, איז אלץ קאפויער, א פערד א

וועגען „י. ל. פרץ אין ענגליש".

(א בריעף אין רעדאקציע).

ווערטער ה' רעדאקטאר!

ערלויבט מיר אין אײַער צײַטונג צו פערעפענטליכען פאלגענדע פאר ווער-טער:

אין נומער 181 פון „לאדזער טאָ-געבלאט" איז אָבגעדרוקט געוועזן מײַן ארטיקעל „י. ל. פרץ אין ענגליש", און וועלענדיג בעווײַזען, אז אין ענגלאנד אינטערעסירט מען זיך אויך מיט דער יודישער ליטעראטור און בעזונדערס האט מען זיך פעראינטערעסירט מיט י. ל. פרץ'ן, ברענג איך אגב אורחא אין מײַן ארטיקעל אויך דעם פאקט מיט שלום עליכם'ס „סטעמפעניו", וואס איז מיט אײַניגע חדשים צוריק איבער-געזעצט געווארען און האט שטארק אויסגענומען בײַ דער ענגלישער קריטיק.

אין „דאס לעבען" נומער 132 גע-פין איך אָבער א נאָטיץ „שלום עליכם'ס „סטעמפעניו" אין ענגליש", וואו „דאס לעבען" דרוקט איבער צווײַ זאצען פון מײַן ארטיקעל, אין וועלכע איך רעד וועגען „סטעמפעניו". מילא דאס וואס „דאס לעבען" האט זיך ערלויבט אי-בערצודרוקען א ארויסגעריסענעם טײַל פון'ם ארטיקעל ניט אנווײַזענדיג אפילו, פון וואנען זי האט עס גענומען—דאך לאָז איך אײַך איבער, ווערטער ה' רע-דאקטאר, צו דערמאָהנען דער ווארשוי-ווער צײַטונג ווי מען דארף זיך פיה-רען אין אזא פאל, נאר ציטירען פון אַנ'ארטיקעל, וואו ס'רעדט זיך ספּעציעל איבער פרץ'ן, און נישט דערמאָנען א ווארט וועגען איהם,—אט דאס פערדריסט מיך זעהר.

נאטירליך קענען מיר זעהר צופריע-דען זײַן, וואס מען איבערזעצט אויך אונזער שלום עליכם'ן אויף ענגליש, אָבער דאס איז שוין נישט דאס ערשטע מאל. איך האב אָבער געוואָלט רײַדען נאר וועגען פרץ'ן. און דערפאר האט „דאס לעבען" געדארפט האטש מיט א ווארט דערמאָהנען פרץ'ן אויך. נאר מסתמא איז א סוד דערבײַ, פאר וואס די ווארשעווער צײַטונג האט עס נישט געטהון...

מיט דרך ארץ

לאָנדאָן, 28 יוני. י. שאיאק.

פון פארצײַטיגען לאדז*).

(היסטארישע נאָטיצען)

געזאמעלט און בעארבײַט דורך אברהם טענענבוים.

די ענטשטעהונג פון באנק-הויז ווילהעלם לאנדוי.

(ענדע).

יונג און אלט, גרויס און קלײַן, איז געקומען צו לויפען ווי אויף וואונדער, אנקוקען דאס זעלטענע נײַעס" דאס ערשטע „געלד-קרעמיל" פון לאדזש. און נאך מעהר פון אלץ האט יעדען אינטערעסירט דאס שױ-פענסטערל, אין וועלכען עס איז געלעגען א „טײַער פאפיער" (א ווערט-פאפיער) און א פאר „גילדענע אימפעריאלען. אט פאר דעם שױ-פענסטערל, וועלכעס מ'האט דאן גערופען דאס „לאדזער-פענסטער פון געלד-קרעמל", זענען גאנצע שעה'ן נאכאנאנד געשטאנען הײַפלעך מענשען און נערעדט אלץ וועגען דעם „חדוש".

און וויפיעל די אײַגענטימער פון דעם „געלד-קרעמל" האבען זיך אלץ ניט בעמיהט אוועקצוטרײַבען די נײַגיריגע, האט עס ניט געהאלפען, און ווי נור א דורכגעהער אָדער א דורכרײַזענדער, זענען אלע געלאָפען בעקוקען נאכ-וואונדער...

אזוי איז עס צוגעגאנגען א לענגערע צײַט, ביז דער עולם איז ענדליך צו-געוואוינט געווארען צו דעם „געלד-קרעמל" ווי צו יעדען אנדערן קראם.

אין א פאר יאהר ארום האבען זיך די שותפים געטײַלט און ווילהעלם לאנדוי איז געבליבען אלײַן דער אײַנ-האבער פון דעם באנק-געשעפט.

II.

ווי אזוי האט מען אין לאדז אײַנגעפיהרט דעם דיסקאנט פון וועקסלען?

זעהר אינטערעסאנט וועט זײַן פאר יעדען צו וויסען ווי אזוי עס איז פאר-צײַטענס צוגעגאנגען מיט'ן דיסקאנט פון וועקסלען, תחלת פלעגט זיך עס בײַ אונז אזוי צו פיהרען:

ווען אײַנער האט געהאט יענעמס וועקסלען און ער האט זיך גראד גע-נויטיגט אין געלד, פלעגט ער בסוד סודות ארײַנגעהן צו א פינאנסיסט און בײַ איהם „פערזעצען" דעם וועקסעל. דאס „פערזעצען" פון וועקסלען איז פאר-צײַטענס געווען דאס זעלבע, ווי בײַ אונז הײַנט „פערזעצען" א משכן אין לאמבארד. דער פינאנסיסט פלעגט נעהמען די וועקסלען בײַ'ם „פערזעצער" און בארגען איהם אויף זײַ פאר צינזען א געוויסען טײַל פון זײַער ווערט. און ווען דער „פערזעצער" האט געהאט געלד איז ער ארײַנגעקומען צום דיס-קאנטער און בײַ איהם צוריק „אויסגע-לײַזט" זײַנע פער'משכנ'טע וועקסלען.

פערשטעהט זיך, אז ווילהעלם לאנדוי, וועלכער האט נאך ניט געהאט אזא גרויסען קאפיטאל, אז ער זאל זיך בע-נוגענען מיט א זעלכע ארט קלײַנע אפע-ראציעס, האט גענומען אלץ קלערען ווי אזוי צו מאכען מיט זײַן קאפיטאל גרע-סערע אומזאצען. צו דעם צוועק האט ער ספעציעל זיך געזעצט אין פערבינ-דונג מיט א פאר אויסלענדישע באנקי-רען און די לעצטע האבען איהם ערק-לערט, אז בײַ זײַ „פערזעצט" מען ניט קײַן וועקסלען נאר מען דיסקאנטירט זײַ בײַ יענעם און דער דיסקאנטער דיסקאנטירט זײַ ווײַטער.

זעהענדיג, אז דאס איז ווירקליך א גאנץ גוטע אידעע אום צו קענען פער-



מאָדעל פון א פערצײַטישען וועקסעל מיט אנ'אָבצאהל פון 15 קאפ פון יעדער סומע. פאטאגראפירט לויט'ן אָריגינאל.

גרעסערן זײַן געשעפט, האט לאנדוי צו-נויפגערופען אלע זײַנע „וועקסעל-פער-זעצער" און זײַ דערצעהלט פון זײַן נײַעם געשעפטס-פלאן. פערשטעהט זיך, אז ער האט בעשטימט נערעכענט, אז יעדער וועט זיך אָן דעם אנכאפען ווי אָן עפעס א מציאה. אָבער ווי ערשטוינט איז ער געוואָרען זעהענדיג ווי אלע לאכען אויס במעט זײַן נײַעם פראיעקט, דען קײַנער האט עס ניט געקאנט און געוואלט פער-שטעהן ווי אזוי א מענש זאל קענען געהן „פערקויפען" יענעמס א וועקסעל. אלע האבען בפה אחד נע'טענה'ט, אז „פערזעצען" א וועקסעל האטש עס איז אויך ניט שעהן, איז עס אָבער שוין אײַנ-געפיהרט. אָבער געהן בידים און „פער-קויפען" יענעמס א וועקסעל, וועלכען ער האט נאר אײַנגעלעגט ביז צו דער צײַט, ווען ער וועט איהם קאָנען „אויס-קויפען", דאס וועט מען קײַנמאל ניט ערלויבען. זעלבסטפערשטענדליך, אז עס האט ה' לאנדוי'ן געקאסט געוואוג מיה אין מאטערניש ביז ער האט א פאר לאדזער געקאנט איבערצײַגען, אז „פערקויפען" א וועקסעל איז ניט קײַן הארבערער חטא ווי „פערזעצען" איהם און, אז בײַדע צוזאמען זענען ניט אזא גרויסע חרפה ווי די לאדזער שטעלען זיך עס פאר.

פון דעמאלט אָן האט ווילהעלם לאנ-דוי אײַנגעפיהרט אין לאדז דעם נאר-מאלען דיסקאנט פון וועקסלען ביז אויף הײַנטיגען טאג.

דאס באנק-הויז ווילהעלם לאנדוי, וועלכעס האט צוריק מיט 60 יאהר גע-מאכט אין לאדז אנ'אומזאץ פון קוים 80,000 רובל א יאהר, שליסט איצט זײַן בילאנץ אין לאדז אלײַן, חוץ ווארשוי, מיט אנ'אומזאץ פון 300 און 60 מיליאן רובל א יאהר, און עס איז איצט אײַנס פון די גרעסטע פריוואט-באנק אין פוילען.

*) זעהט „לאדזער טאגעבלאט" № 137.

וואָס הערט זיך אין לאָדז.

אַנ'ענטפער פון קייזער פראַנץ - יאָזעף.

דער וויצעפּרעזעס פון לאָדזער הילפס-פעראיין פון עסטרייכישען אונטערטהאַנען, ה' יוליוס יאַריש האָט געהאַט זיך געווענדעט מיט א מיטגעפיהל-דעפּעשע צום קייזער פראַנץ-יאָזעף צוליעב דער ערמאָרדונג פון עסטרייכישען טהראָנפאָלגער.

נעכטען האָט ה' יאַריש בעקומען פאָלגענדען ענטפער פון דער קייזערליכער קאַנצעלאַריע אין ווין: „זיין קייזערליכע מאַיעסטעט דאַנקט דעם פעראיין פון די עסטרייך-אונגאַרישע אונטערטהאַנען אין לאָדז פאַר דער מיטגעפיהל-דעפּעשע. לויט דער אַלערהעכסטער פעראָרדנונג באַראָן פאָן שיסעל".

רעכט פאַר'ן יודישען גימנאַזיום.

(ג) די פערוואַלטונג פון דער געזעלשאַפט צו שטיצען דאָס יודישע גימנאַזיום האָט זיך געווענדעט מיט א השתדלות צום בילדונגס-מיניסטעריום, אַז מען זאָל געבען דער לעהר-אַנשטאַלט רעכט פון א רעגירונגס-גימנאַזיום. ווי מיר דערוויסען זיך, האָפען די פיהרער פון יודישען גימנאַזיום, אַז זייער השתדלות וועט האָבען ערפאָלג.

אַנ'עקסקורסיע פון עספּעראַנטיסטען.

פון עספּעראַנטיסטען - פעראיין בעט מען אונז מיטצוטיילען, אַז זונטאַג, דעם 5 יולי אָרדענט איין דער פעראיין אַנ'עקסקורסיע פון א גרופּע מיטגליעדער קיין קאַליש. די עקסקורסאַנטען וועלען אַרויספאָהרען 8 א זייגער אין דער פריה.

אויסגעשלאָסען א יוד פון פעלדשער-פעראיין.

מיטוואָך אין אָוונט איז אין פעלדשער-פעראיין (קאָנסטאַנטינער 5) אָפּגעהאַלטען געוואָרען אַנ'אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון פעלדשער-פעראיין אונטער'ן פאָרזיץ פון מאַגיסטראַט-אַסעסאָר ה' סט. לאַגאַ.

נאָכדעם ווי עס זענען בעהאַנדעלט געוואָרען פערשידענע פראַגען און מען האָט אויך פאָרגעלעזען דעם ענטפער פון מיניסטער וועגען דער טעלעגראַמע פון פעראיין וועגען דער קאָרפּאָראַציע-פראַגע, האָט א געוויסער יאַרקאָוויטש אַריינגעטראָגען א פאָרשלאַג, אַז מען זאָל אויסשליסען אַלס מיטגליעדער דעם יודישען פעלדשער דוד לאַקשין, ווייל ער האָט אָבגעדרוקט אַנ'אַרטיקעל אין מאָסקווער „וויעסטניק פעלדשערסקי" געגען דעם לאָדזער פעלדשער-פעראיין, וועלכער איז אַרויסגעטראָטען פון אַלגעמיינעם רוסישען פעלדשער-פעראַבאַנד. י. מאָטיווירט זיין פאָרשלאַג דערמיט, וואָס ל. האָט מיט זיין אַרטיקעל בעליידיגט דעם פעראיין און די פוילישע פעלדשערים...

דער דאָזיגער פאָרשלאַג רופט אַרויס שטורמישע דעבאַטען און מיט 21 געגען 4 שטימען ווערט בעשלאָסען דעם יודישען פעלדשער אויסצושליסען פון פעראיין און מען צווינגט איהם גלייך צו פערלאָזען דעם זיצונגס-זאַל.

צו די אונאָרדנונגען אין דער בילינגער קוך.

(ג) דער אַרטיקעל אין אונזער צייטונג וועגען די גרויסע אונאָרדנונגען, וואָס הערשען אין דער קוך פון יודישען „דאָבראָטשינאָסטש" האָט געהאַט דעם געווינשטען ערפאָלג און די פיהרער פון „דאָבראָטשינאָסטש" האָבען גענומען שענקען אויפמערקזאַמקייט דער בילינגער קוך.

לויט דער איניציאַטיווע פון ה' ג. ניימאַן, האָט מען געמאַכט אַנ'אונטערזוכונג און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די מיטאַגען זענען די לעצטע צייט ווירקליך געווען שלעכטע. מען האָט צוגערופען א בעראַטונג פון אַנגעזעהענע מיטגליעדער און עס איז בעשלאָסען געוואָרען צו אָרגאַניזירען א שטענדיגע אויפזיכט און א קאָנטראָל איבער דער בילינגער קוך און פון איצט אָן וועלען דעזשורירען מיטגליעדער בעת'ן אַרויסגעבען די מיטאַגען און מען וועט אַכטונג געבען, אַז אַלץ זאָל זיין אין אָרדנונג.

די פערזאַמלונג פון היטעל-מאַכער און קירזשנער.

(ג) אונטער'ן פאָרזיץ פון ה' בראַניצקי איז פאָרגעקומען אין אָווענד אין לאָקאַל פון „האַנדווערקער-קלוב" (וואַרזשאַ 5) פאָרגעקומען א פערזאַמלונג פון קירזשנער און היטעל-מאַכער, אויף וועלכער ס'איז בעטראַכט געוואָרען די פראַגע וועגען בילדען א פעראייניגונג, כדי אויסצופעסטען די לאַגע פון פאַך.

דער פּראָיעקט רופט אַרויס לעבהאַפטע דעבאַטען. א טייל קירזשנער זאָגען זיך אַרויס געגען דער פעראייניגונג פון די קירזשנער און היטעל-מאַכער און לענען פאָר צו בילדען ביים „האַנדווערקער-קלוב" צוויי סעקציעס פון קירזשנער און היטעל-מאַכער בעזונדער.

דער גרעסטער טייל פון די פערזאַמעלטע זאָגט זיך אָבער אַרויס, אַז ס'דאַרף געבילדעט ווערען נאָר איין סעקציע, ווייל די פאַכען זענען נאָהענט איינער צום אַנדערן. נאָך לאַנגע דעבאַטען ווערט ענדליך בעשלאָסען צו בילדען א פעראייניגטע סעקציע פון ביידע פאַכען מיט'ן צוועק צו נאָרמירען די פרייזע, צו בעזייטיגען די שעדליכע קאָנקורענץ, צו אונטערשטיצען מאַטעריעל נעפאַלענע מיטגליעדער א. או. וו. די פערזאַמעלטע קלויבען אויס א פערוואַלטונג, וועלכע זאָל מיט דער אַרבייט פון דער סעקציע אָנפיהרען. אין דער פערוואַלטונג זענען אַריין פון די קירזשנער די ה"ה: יוסף טינער, חיים וואָלף טינער, א. פעטרוזשקאַ, איטשע דוד דאָמבראָוויטש, יחיאל לייב גאָוורילעוויטש, שמחה גראָסמאַן און פנחס גנאַט. פון די היטעל-מאַכער זענען אין פערוואַלטונג אַריין די ה"ה שמחה ראַפּאַפּאָרט, שלמה קאַלינסקי, חיים האָכענבערג, צאַלקע פיאַסעצקי סימאָן בראָנינסקי און משה ראָווינסקי.

די לאָדזער יודישע גמינע און דער סענאַט.

א פּראָצעס וועגען א ירושה פון 6000 רובל.

מיט א פּאָר יאָהר צוריק האָט א געוויסער שמולעוויטש אין זיין צוואה אָבגעשריבען א סומע פון 6000 רובל לטובת דער לאָדזער יודישער גמינע. אויפ'ן סמך פון דער דאָזיגער צוואה איז די פּעטראָקאָווער גובערניע-פערוואַלטונג אַרויסגעטרעטען מיט א פאָדערונג צו די יורשים פונ'ם פערשטאָרבענעם, אַרויסצוגעבען די אָבגעשריבענע סומע לטובת דער יודישער גמינע. די יורשים האָבען אָבער מיט דעם ניט איינגעשטימט און האָבען פערפיהרט א פּראָצעס געגען דער גובערנסקע פערוואַלטונג אָבזאָגענדיג זיך אַרויסצוגעבען די 6000 רובל. דער פּראָצעס איז פאָרגעקומען אין פּעטראָקאָווער אָקרוזשנאָי סוד און שפּעטער אין דער סודעבנער פּאַלאַטע, וואו אַלס טוען מצד די יורשים איז אַרויסגעטרעטען דער אַדוואָקאַט ק א נ י ץ. אין ביידע אינסטאַנצען איז דער אורטייל אַרויסגעגעבען געוואָרען לטובת די יורשים. די פּאַלאַטע האָט בעשלאָסען, אַז די גמינע האָט ניט קיין שום רעכט צו פערלאַנגען די אָבגעשריבענע 6000 רובל, און דערצו דאַרף נאָך די גובערנסקע פערוואַלטונג בעצאָהלען די יורשים 544 ר' מיט 30 קאָפּ געריכטס-קאָסטען.

די גובערנסקע פערוואַלטונג האָט אויף דעם אורטייל איינגעגעבען א פּראָטעסט אין סענאַט, וואו די „דיעלאָ" איז מיט דריי וואָכען צוריק בעטראַכט געוואָרען און דער סענאַט האָט בעשטעטיגט דעם אורטייל פון דער סודעבנע פּאַלאַטע.

דער אַדוואָקאַט ה' קאַניץ איז דאַן איינגעקומען מיט א פאָדערונג אין דער פּעטראָקאָווער גובערנסקע פערוואַלטונג, אַז זי זאָל בעצאָהלען די 544 רובל מיט 30 קאָפּ. געריכטס-קאָסטען, וואָס ס'קומט די יורשים לויט'ן פּסק-דין פון געריכט. מען האָט איהם געענטפערט, אַז די זאַך וועט בעטראַכט ווערען אויף א זיצונג פון דער גובערניע-פערוואַלטונג.

נעכטען איז די דערמאָהנטע פראַגע בעטראַכט געוואָרען אויף א זיצונג פון דער גובערניע-פערוואַלטונג, וועלכע האָט בעשלאָסען, די דערמאָהנטע סומע פון 544 רובל מיט 30 קאָפּ, איינצומאָהנען פון... דער יודישער גמינע.

אַזא מזל האָט שוין אונזער גמינע, לא די זי בעקומט ניט די אָבגעשריבענע ירושה, דאַרף זי נאָך דערלעגען פון איהר קעשענע.

ניט זי האָט געפּאָדערט, ניט זי האָט געמאָהנט, ניט זי האָט זיך פּראָצעסירט—און זי דאַרף בעצאָהלען געריכטס-קאָסטען...

און דאָס איז אין אַזא צייט, ווען די

נראָכס. א גבירי'ש אויסזעהן, קוים וואָס עס רירט זיך, דער פוהרמאַן, א גאַנצער אריסטאָקראַט מיט א גרויסע באָרד א אויסגעקעמטע, האָטש נעהם אין גיב איהם א „שלישי", זיצט זיך בהרחבה, ברייטליך, רירט קיין פינגער ניט, און מען שלעפּט זיך טריט ביי טריט, אַזוי ווי מ'פיהרט א קראַנק, אַז עס פּלאַצט די געדולד זיצענדיג.

אין לייפּציג וואַשט זיך און רייניגט זיך ביי דער נאַכט, אומעטום איז העל ליכטיג אין הונדערטער מענשען וואַשען אזוי צוואַגען און שייערן די גאַסען, און מיין קאַרעטע קריכט אַריין אין מיטען און מ'קוקט מיך אָן נייגעריג, אַזוי ווי זיי וואָלטען קיינמאָל קיין מענשען ניט געזעהן.

מיר קומען צו קריכען צו איין האָטעל:

— בעזעצט.

צו א צווייטען?

— בעזעצט.

שלעפּען מיר זיך אַוועק צו א דריטען אין א אנדער גאַס?

— קיין פּלאַץ.

צופּלאַצט און צוזעצט זאָלען זיי ווערען, ווי זיי פּייניגען מיך צוליעב מיין ווייב'ס עצה, איך זאָל פאָהרען אין שלאָף-מיצעל, זיי קענען מיינען, אַז איך בין ווייס איך ווער און לאָזען מיך זיך אַרומשלעפּען א נאַכט אין דער קאַרעטע. עס איז נאָר ניט לייפּציג, סדום איז עס, מ'זאָל א מענשען אויפ'ן שחעל ניט אַריינלאָזען.

האָבען מיר זיך ווידער אַוועק געשלעפּט ערגיץ אנדערש, ביז מיר זענען געקומען צו קריכען צו עפּעס א הויזעל, מיט א גרויסען לאַמטערן פאַר דער טהיר און א לאַנגען שילד איבער דער טהיר.

„אונטער דעם עהיגען לעמפּכען".

זאָל זיין אונטער א „נר תמיד" א זאָרג האָב איך, אפילו מען לאָזט מיך, גאָט צו דאַנקען שוין אַריין...

איך קריך אַרויס פון קאַרעטע און א פערשלאָפענער שווייצאַר קומט צו און בעט מיין באַגאַזש. דערלאַנג איך איהם מיין פּאַראַסאָל, געהט ער ניט אַוועק, דער חכם, נאָר ער וואַרט אויף מיר ביז איך וועל בעצאָהלען דעם פוהרמאַן.

— וואָס קומט אייך? — פרעג איך דעם דראָשקאָזש און עס קלאַפּט מיר אין האַרצען. איך וויל שוין וויסען מיט וויפיעל איך וועל בעשט-אַפּט ווערען.

ענטפערט ער מיר ניט באַלד, נאָר ער קריכט אַרונטער פון זיין געהויבענעם געזעס, פיינט איין דעם קאָפּ צו דיזעם פערד'ס ווידיל, בעטראַכט איהם גוט און זאָגט:

— צוויי מאַרק פיערציג פעניג.

— וואָס הייסט, אַזוי פיעל געלד? וויל איך זיך אנבייזערן — אַזוי טייער?

— היער האָבען זי — ענטפערט ער מיר געלאַסען און ווייזט מיר אויף דעם פערד'ס ווידעל.

— וואָס האָב איך צו דיין פערד'ס ווידעל? — בין איך שוין אַריין אין גריבצאָרן.

— היער, היער! — לאַכט דער אַלטער נאָר און ווייזט מיר אָן אויף א מאָדנעם ציפערבלאַט, צוגעקלאַפּט צו דער קאַרעטע, נעבען דעם ווידעל, פון אינוועניג — זעהן זי, היער... טאַקסאָמעטער... זעהן זי...

און לאַכט, און לאַכט...

איך פאַנג זיך צו א פערשעמטער און זעה וואָס דייטש שווינדעלט אָב א עסק, קלאַפּט צו א זייגער, און די ווייזער ווייזען מאַרק מיט פעניג מיט וויאָרסטען מיט סאַושען, ווי פיעל דו האָסט זיך געשלעפּט און ווי פיעל דו דאַרפסט בעצאָהלען פאַר דער שלעפּעניש, און עס העלפט ניט קיין האַנדלען קיין דינגען זיך, גאָט צו דעם ווידעל, קוק זיך איין אויף דעם זייגער און צאָהל...

אַז איך האָב איהם שוין ווי עס איז בעצאָהלט און בין געגאַנגען מיט דעם שווייצאַר אין האָטעל אַריין, האָב איך געהערט ווי דער אַלטער פוהרמאַן לאַכט, ערשט שוין אויפ'ן קול, און דער שווייצאַר, זעה איך, שטיקט זיך אויך פון געלעכטער, דאָס מיינט מען אַלץ מיך.

— ווידעל, ווידעל — לאַכט מען אויפ'ן גאַס...

איהר פערשטעהט, וואָס א לאַנד עס איז, מען מאַכט פשוט חוזק פון א מענשען, און פאַר וואָס און פאַר וועמען?

קיין גוטער יור זאָל זיי ניט קענען די דייטשען, זיי האָבען זיך צו מיר פשוט צוגעטשעפּעט, טשעפּען זאָלען זיי זיך אויף גלייכע ווענט, טפשים!

לאָדזער בילדלאַך.

I.
דער מעכאַנישער לוינוועבער.

ניין, פאַניע מייסטער לעבען, מיט צוויי ריטער וועל איך מיך ניט לאָזען שמייסען. איינס פון די ביידע: איך וועל פאַר דער קאַליע געמאַכטער סחורה נישט בצאָהלען, און אַז יאָ מוז איך מיין אַרבייט ווייטער בעקומען, חאָטש אין אמת'ן געזאָגט, שטעה איך נישט נאָך איין. עס פעהלט מיר דאַנקען גאָט ביי היינטיגען סעזאָן קיין אַרבייט ניט. ווי שייך: האָב צו דריי גאַנצע קעטען אויף איין שטוהל פאַרראַט. נאָר פונדעסטוועגען וועל איך מיך פון אַנ'אַלטער שטעל אַזוי גרינג נישט לאָזען אַרויסוואַרפען. און צווייטענס זענט איהר דאָך א מייסטער, מאָ וואו האָט איהר געהאַט די אויגען פאַר דער אַפּרעטור. איהר פערשטעהט דאָך, אַז עס פעהלען שוין א מאָל עטליכע פעדים אויפ'ן „אליבער" וואָלט מען זיי דאָך דערמאָלט אויך געקענט פערשטאָפּען... אונזערע גליקען מ'שטייגט געזאָגט, ווינטער שטאַרבט מען צעהן מאָל א טאָג פון הונגער און עס איז נישטאָ פון וואַנען פּאַכט צו בעצאָהלען און זומער אַז מען האָט שוין דאָס ביסעל אַרבייט ווערט מען אויך נישט גליקליך. צו קריגען היינטיגע צייטען א גוטען בעל-מלאכה קומט אָן מיט'ן טויט. איין „גראָשער" גרעסער ווי דער צווייטער און חאָטש מיר געבען זיי אַוועק דעם גאַנצען לוין מיט לייב און לעבען האַלטען זיי פון איין פאַבריק אין דער צווייטער אין איין לויפען, און נאָך די אַלע צרות נעה צאָהל פאַר סחורה. אדרבא, זאָגט אַליין פון וואַנען זאָל איך נעהמען?

איהר זאָגט עס פעהלט מיר נאָך שום צו דער אָבגערעכענונג... וועהט איהר, דאָס וועל איך מיר שוין נישט לאָזען איינרעדען. איך בין נישט קיין מאַצער, איהר מיינט איך זעה נישט ווי איהר וועגט מיר שטענדיג מיט'ן צינגעל אַרויף... איך ליעפער אייך יעדע וואָך ביז 86 שטיקלעך און איהר מאַכט מיר אזוי אַרום איין אויף יעדען שטיקעל סחורה א פיערטעל פונט. דאָס הייסט ביז 9 פונט שום א וואָך... קויפען שום פאַר איערט-וועגען וויל איך נישט און גנב'ענען א ווראי נישט... ווי איהר זעהט מיר לעבען, אויסקרענקען זאָל איך דעם גראָשען וואַסער, וואָס איך האָב אין אייער סחורה אַריינגעגאָסען. דאָס פאַסט פאַר א באַלוטער וועבער, וועלכער קלאַפּט אַליין אויף איין שטוהל פלאַנעל און האָט צייט זיך צו שפּיעלען און צו צאַצקען מיט'ן שטיקעל סחורה א גאַנצע וואָך אין קעלער...

ביי אונז מעכאַנישע וועבער געהט דאָס נישט. איך האָב דאַנקען גאָט 10 שווערע שעהנערישע, און צוואַנציג ענגלישע שטוהלען, וועלכע וואַרפען מיר אראָב ביז הונדערט און זעכציג שטיקלאַך א וואָך. און אפילו צעהן געזונדע פויערים זאָלען האַלטען אין איין שפּריצען וואַסער וועלען זיי איך נישט דראָנעשע... איהר זאָגט, עס וועט מיר גאַרנישט העלפען, איך וועל בעצאָהלען אַז פאַר קאַליע-געמאַכטע סחורה אַז פאַר שום און דערצו נאָך קריגען א וואָרף אַרויס, האָב איך איין טיעף אין דר'ערד... אַלע ניי בעזעמער קעהרען גוט... איך פערשטעה מיך אויף יענע זאַכען. ניין, פאַניע מייסטער לעבען, ביי מיר וועט איהר יענע מעשה נישט קריגען... אזעלכע פויגעל ווי איהר האָב איך שוין דאָ אין געשעפט איבערגעלעבט עטליכע... ביי מיר האָט איהר נישט אָנגעטראָפען, מיר וועלען זיך נאָך זעהען בייַם אַלטען אַליין...

ניין, מיט צוויי ריטער וועל איך מיך נישט לאָזען שמייסען.

מ—ן.

די פערקיהלונג. פונקציאָנירט מעהרסטענטייל'ס דער מאַגען נישט גוט און מען בעמערקט עצירות'ן, צום בעזייטיגען העצלבע מ'דאַרף אונבעדינגט באַלד אָנגעהמען מיטלען דאָס נאַטירליכע פראַנץ יאָזעף ביטער-וואַסער, וועלכעס ווערט אָנגענומען אין פערליוף פון א פּאָר טעג אויפ'ן ניכטערן מאַגען צו א גלאָז, און איז א גוט אָבפיהר און רייניגונגס מיטעל פאַרן מאַגען. דאָס וואַסער פון דער דאָזיגער ווילע רופט אַרויס א טהעטיגקייט פון די קישקעס, פערגרעסערענדיג שטעטס דעם קראַנקענס אַפּעטיט. ווי עס איז צו זעהן פון די מיינונגען פון דעם בעוואוסטען שפּיטאָל פון די בארמהערציגע ברודער אין ווין, איז דאָס פראַנץ-יאָזעף-וואַסער אַפילו אין האַרטנעקיגע פעלען פון עצירות בענוצט געוואָרען מיט'ן גרעסטען ערפאָלג. צו בעקומען אין אַלע אַפּטייקען און אַפּטייק-סקלאַדען.

דער לאַמטערן

№ 24

יהי אור!

א וועלטענטרויכער נר-תמיד וואָס בעלייכטען די פינסטערניש אין אַלע קהל'שע ענינים, אין אַלע חברות און צדקה-אַנשטאַלטען, אין די קעפּ פון אונזערע שתדלנים, אין די הערצער פון אונזערע גדבנים וכו' וכו'

א טעגליך וואָכענבלאַט פאַר קהל'שע ענינים.

דער „פלאַקען-שיסטער"...

מיר חלומ'ט: אַז איך בין מיט מזל
א רעדאַקטאָר א נעתיסער...
גיב איך מיר אַרויס א צייטונג,
וועלכע הייסט: דער „פלאַקען-שיסטער"...

דאַרף מיין צייטונג ניט קיין שרייבער,
ווייל איך האָב א גוטע פעדער...
קען זי לאַנג שוין איהרע לעזער
און עס בלייבט צופריעדען יעדער...

דאַרף מיין צייטונג קיין פּאָליטיק,
דאַרף קיין „עקסטרא-טעלעגראַמען"
וואָס זי דאַרף—איז נאָר „סענסאַציעס"
אין א האַלבען טיץ ראָמאַנען...

נאָר ראָמאַנען, עס זאָל ריהרען,
עס זאָל טרעשטשען... עס זאָל קנאַקען...
ווי א מיידעל איז אַנטלאָפען
מיט א גאַנצען פּאָלק קאָזאַקען...

ווי א פּרינץ פון יאַקאַהאַמאַ
טהוט א לאָדזער מיידעל ליעבען,
וועלכע וואוינט דאָרט אויף וואָלטשאַנסקע
נומער 8 אין וואָהנונג 7...

ווי א טאָכטער א מלמד'ס,
וועלכע וואוינט א צימר אין קאַרניץ,
האָט פאַרברענט א זעקס פאַבריקען
אין א ווינטער-נאַכט אויף ווסכאָרניץ...

ווי א כלה פאַר דער חופּה
האָט געסם'ט איהר אַלטען פאָטער
און אַנטלאָפען אין דער פינסטער
מיט א יונגען פּיפּערנאָטער...

און דער לעזער לעקט די פינגער
און ער וואַקסט וואָס ווייטער מעהרער
און אין קעשענע דאָס ביטעל
ווערט אַלץ העכער... ווערט אַלץ
שווערער...

ל. בערמאַן.

צווישען זיך גערעדט.

חמקעל און מיקעל.

— ווי געפעלען דיר עפּעס די גליקען פון קאַטאַווינץ?

— ס'איז באַלד נישט מעהר געווען ווי—קאַטאָוועס.

— אָבער געדענקסטו ווי אונזער ה ג. האָט זיך דעמאָלט געקאָכט און געהיצט.

— נא ס'איז קיין וואונדער, אַזא בעל-בשר און דערצו איז דעמאָלט געווען אין מיטען תמוז...

*

— וואָס הערט זיך עפּעס פון פירשט ווינער.

— אַזוי ווי מען האָט נישט געוואוסט פון איהם פריהער איידער ער איז געוואָרען פירשט אַזוי וויסט מען אויך איצט נישט פון איהם נאָך דער ממשלה.

*

— וואָס זאָגסטו עפּעס צו דעם אַנפאַל אויפ'ן טהראָנפאָלגער מיט זיין פלונית'טע, הע?

— עט, כ'האָב מיך מיישב געווען, אַז א ערצהערצאָג צו זיין איז אויך נישט אַזא גוטע פרנסה, כ'בין שוין בעסער צופריעדען פון מיין קנעלערי.

*

לאָדז — א גובערניע.

ווי מ'טייטלט מיט האָבען זיך די פּעטריקאָווער צייטונגס-רעפּאָרטער געווענדעט מיט א דעפּוטאַציע צום פּעטריקאָווער גובערנאַטאָר, אַז מען זאָל נישט איבערטראָגען די גובערניע קיין לאָדז וואָרום מען מאַכט זיי געביך אומגליקליך, מען נעהמט זיי צו כמעט די גאַנצע פרנסה.

מען שטויסט, אַז צוליעב דעם קאָן זיין, אַז מען זאָל נישט איבערטראָגען די גובערניע קיין לאָדז.

שטאָפּ-קיר.

(א טאָגע-בוך, פערצייכענט אין א פענסיאָנאַט אין אָטוואָצק).

ערשטער טאָג.

קומט דער ליעבער ווסטער—ווערען די פּראָויען בבחינת נעגנו, פיהרט מען זיי אוועק אויף דער פּאָשטע און מען שטאַפּט זיי און מען קראָפּט זיי און יעדען טאָג וועגט מען זיי צי זיי האָבען שוין עפּעס צוגענומען, פונקט אזוי ווי נעגנו פאַר פסח... מאַנספּערשוינען קומען אָהער גאַנץ וועניג, וואָרום ביי זיי איז שטענדיג דער קאָפּ און אפילו דער מאַגען פול מיט וועקסלען, פּראָטעסטען, קאָמבינאַציעס און פלענער... היינט איז דער ערשטער טאָג וואָס כ'בין דאָ אָהער געקומען, וואָס כ'וועל זעהן, וועל איך פערצייכענען.

צווייטער טאָג.

כ'ליעבען די געגועלער הויבען מיר אָן צו געפעלען... איינגענטליך איז דאָ א מין ווייבערישע מלוכה... דאָ קאָן גרינג מקוים ווערען דער פסוק והחזיקו שבעה נשים באיש אחד... איבערהויפּט קומט מיר אויס מאָדנע די בעציהונג פון מאַדאַם ב. צו דעם יונגעלמאַן ה. פון מיין שטאָדט. ס'וועט לעבען וועט מען זעהן.

דריטער טאָג.

דער גאַנצער פענסיאָנאַט קאָכט... דאָס הייסט קאָכען קאָכט מען אפילו נאָר אין דער קוך, נאָר אַלע האַלטען אין איין מאַכען מיט'ן מויל, דאָס הייסט נישט בלויז עסען נאָר אויך רעדען... מ'עסט און מען רעדט און מאַכט פון דער מאַדאַם ב. מיט דעם פּאַצעט ה. מען רעדט בין קאַטשקע לקאַטשקע בין געגועל לגעגועל און בין קורטשיק לקורטשיק... מען שמועסט זיך נאָך מיט די פינגער און מען רעדט... נא דיר א מעשה: געקומען א יודענע און זיך פערליעבט אין א בחור און גאָר נישט. די מיידלער קאָנען נישט שווייגען אויף אַזא מעשה...

פיערטער טאָג.

הורא!... הורא!... אונזער פענסיאָנאַט פריהט אין דופטען. געקומען די טאָכטער פון דער מאַדאַם ב. אויך עפּעס מיט א פּאַצעט. די מאַמע האָט געזאָגט פאַר דער טאָכטער, אַז זי פאָהרט קיין פראַנצענסבאַד און געפאָהרען אָהער, די טאָכטער האָט נישט געוואוסט, אַז די מאַמע איז אין אָטוואָצק און געקומען אָהער מיט א פּאַצעט, איז גוט יום-טוב „תרי קטני בחד מארקי"... די מאַמע מיט דער טאָכטער האָבען זיך אויסגע'טענה'ט:

— דו מעגסט!

און דו מעגסט.

עס ווערט היימליך.

פינפטער טאָג.

גוט יום-טוב! אין דער טאַטעשי איז געקומען, די מאַדאַם ב.'ס מאַן, די טאָכטער האָט איהם אַרויסגערופען טעלעגראַפיש. אויפ'ן הויף איז א טומעל, לאָמיך נאָר גיך אַראָבגעהן.

זעקסטער טאָג.

בע... מע... נישטאָ די מאַדאַם ב. מען זאָגט זי האָט צוגענומען אין פענסיאָנאַט אין פערלויף פון 10 טאָג 160 פונט... צוויי פיעל האָט געוואוינען דער בחור... ער איז אויך נישטאָ...

אויפ'ן האָטשיק.

אין „מאָמענט" שרייבט מען:

„דער אוידיענץ פון נייעם קרוינפּרינץ ביי'ם קייזער האָט געדויערט קורץ".

דאָס איז אויך א לשון.

*

אין „היינט" שרייבט א שרייבער:

„דער געוועזענער עקס-קעניג מאַנועל".

א פּנים, דער שרייבער האָט געמוזט מיינען, אַז עקס-קעניג איז אַזא טיטעל און א געוועזענער איז ער דאָך, איז דעריבער: דער געוועזענער עקס-קעניג מאַנועל פון פּאָרטוגאַל".

*

דאָס „לעבען" האָט זיך גענומען איבעריאָגען אַלע צייטונגען מיט דער פרישקייט פון מאַטעריאַל.

אַזוי למשל האָבען אַלע צייטונגען געשריבען, אַז די מאַדאַם לאַבאַל וועט האָבען מאָנטאַג איהר לעצטען גאַסטראָל אין לאָדז און דינסטאַג קומט זי קיין וואַרשאַ.

דאָס „לעבען" וועלענדיג איבעריאָגען אַלע האָט נאָך מאָנטאַג געבראַכט א ידיעה, אַז נעכטען זונטאַג איז שוין די מאַדאַם לאַבאַל געקומען קיין וואַרשאַ א. או. וו.

דאָס הייסט א „זריז" ; פלינקע זשורנאַליסטען דאָרט אין „לעבען".

לאָדזער נייעס.

די היץ אין לאָדז.

די היץ ברענט איצט אין אונזער שטאָדט מורא'דיג, צוליעב דעם זענען פאַרהאַן איצט א סך היץ-קעפּ, אין די דאָזיגע היץ-קעפּ ווערען איצט געבוירען זעהר הייסע און וואַרימע פּראָיעקטען און פלענער ווי אזוי אויסצולייזען די יודען און צו העלפען חאָטש דער גאַנצער וועלט צוליעב די היצען אָבער קאָן מען איצט נישט צוזאַמענקומען זיך, און מען וועט ווי'ל ערשט צוזאַמענקומען אין הערבסט.

אַזוי ווי אין הערבסט איז רעגען-וועטער און אין ערשטען טערמין קומט מען אין לאָדז זיך נישט צוזאַמען וועט מען די „צוזאַמענקונפטען וועגען די אַלע גוטע פּראָיעקטען אָבלעגען ביז אין מיטען ווינטער, ווען עס וועט זיין גרויסע פראָסט, נאָר דעמאָלט וועט שוין זיין גוט קאַלט—אויך אויף די געמיטער און מען וועט שוין פערשפּאַרען זיך צוזאַמענצוקומען...

און אַזוי מוזען נעבען די יודען אַלץ ווייזען אין גלות און די וועלט ווערט נישט בעגליקט.

נשמה-האַפּערקעס.

קיין לאָדז זענען געקומען עטליכע מיסיאָנערקעס צו האַפּען נשמות...

געטראָפען דאָס אָרט! קיין לאָדז נאָך נשמות, אַז דאָס אַרטיקעל איז דאָ כמעט נישט בנמצא.

קאַסע פּוּן דער גמינע איז פּוסט און װען דער בּורזשעט פאַר'ן פערנאַנצנעם יאָהר איז נאָך ניט בּעשטעטיגט געװאָרען.

א שלים-מזל דאָס איז — אונזער גמינע! אַז זי געהט נאָך ירושה בּעצאָהלט זי קבורה-געלד.

אַן אַלגעמײנע קראַנקען-קאַסע

(ג) ס'איז שױן בּעשטעטיגט געװאָרען דער אוסטאַװ פּוּן דער „ערשטער װידזעװער פעראײניגטער אַרבּײטער-קראַנקען-קאַסע", צו װעלכער ס'געהערען 82 פאַבּריקען.

דעם 29 יוני א. ס. װעט אין רעקװיזיטען-הויז פּוּן דער פיערטער פײער-לעשער-אַבּטהײלונג (װאַרשעװסקאַ 86) פאָרקומען א פערזאַמלונג פּוּן די 90 בּעפאָלמעכטיגטע פּוּן די אַרבּײטער.

פּוּן האַנדװערקער ת"ת.

(ג) די אײנשרײבּונגען פּוּן נײע שילער אין „האַנדװערקער תלמוד תורה" אויף די װאַקאַנטע פּלעצער און אויך אין די נײע דרײ קלאַסען, װאָס װעלען געעפענט װערען מיט'ן אָנהויבּ פּוּן נײעם שול-יאָהר, װעלען זיך אָנהויבּען דעם 16-טען אויגוסט און װעלען דויערן דרײ טעג. אײנגאַנצען װעלען אין דער שולע הײ-יאָהר קאָנען אויפגענומען װערען העכער 200 שילער.

שטרײקען.

אין דער מעכאַנישער װעבערײ פּוּן בּאָרים שפּרײרעגען (זאַװאַדסקאַ 34) האָבּען די אַרבּײטער מיט 2 װאָכען צוריק אַרויסגעשטעלט עקאָנאָמישע פאָדערונגען. אַזױ װי די פאַבּריק-אַדמיניסטראַציע האָט די פאָדערונגען ניש'ט ערפילט האָבּען די אַרבּײטער נעכטען פערשטרײקט.

— אויף ראָזענצװײג'ס פאַבּריק (פּעטריקאָװער 18) האָבּען די אַרבּײטער פערלאַנגט 20—25 פּראָצענט געהעכערט. אַזױ װי מען האָט זײערע פאָדערונגען ניש'ט ערפילט, האָבּען זײ װאַרפען די אַרבּײט.

א װעבּער-שטרײק
אין בּיאַליסטאָק.

פּוּן בּיאַליסטאָק מעלדעט מען, אַז דאָרט האָט אויסגעבּראָכען א שטרײק פּוּן אַלע װעבּער. זײ פאָדערן א לוין-העכערונג פּוּן 1 קאָפּ. אויף יעדע 1000 שוס און נאָך א רײהע אַנדערע פאָדערונגען.

דערװײל שטרײקען די װעבּער אין אַלע היגע פאַבּריקען און װי מען רעכענט װעלען אויך די שפּינער אין גיכען װאַרפען די אַרבּײט.

די געשעפטס-לאַגע אין לאָדז.

מיט'ן חודש יולי. װי יעדעס יאָהר אין דער צײט, טרעט אויך דער הײ-יאָהריגער װינטער-סעזאָן אַרײן אין צװײטען פּעריאָד פּוּן זײן ענטװיקלונג. צום װינטער-סעזאָן הױבּט מען אָן בּײ אונז זיך צו צוגרײטען ענדע פעבּרואַר אָדער אָנפאַנג מערץ. אין דער זעלבּער צײט הױבּען אויך אָן אונזערע פאַבּריקאַנטען אַרויסצושיקען רײזענדער מיט די קאָלעקציעס.

די פּרײזען אויף רויהע מאַטעריאַלען, װי האָל אַזױ אויך בּױמװאָל און אײניגע אַנדערע מאַטעריאַלען זײנען דעמאָלט געשטאַנען אין פּרײז מיט א 10 פּראָצענט ניעדריגער װי יעצט, און דאָס שפּיעלט נאַטירליך א גרויסע ראָליע אין דער אויסאַרבּײטונג, ס'רוב אין בּיליגע רײן-בּױמװאָלענע סחורות װאָס די קעט מיט'ן שיס זײנען לײמער בּױמװאָל, און אויך אין רײן װאָלענע סחורות, װאו מען קען די מאַניפּולאַציעס ניש'ט ענדערן צוליעב דער קװאַליטעט און מען מוז בּענוצען לײמער פײנע קװאַליטעטען פּוּן װאָל און קעמלינג. אויך דער אַרבּײטערלוין איז אומציבּים געשטיגען און די סחורות זײנען טײערער געװאָרען. די קונדען אָבּער, װעלכע זײנען צו אונז געקומען בּיז דעם ערשטען יולי, זײנען ס'רוב געװען פּוּן די גרעסערע אַנגראָסיסטען און האָבּען מיטגעבּראַכט מיט זיך די פּרײזקוראַנטען, װעלכע זײ האָבּען בּעקומען פּוּן די לאָדזער פאַבּריקאַנטען אָדער אַגענטען נאָך פאַר פּסח בּײ זיך אין דער הײם. געקױפט האָבּען זײ געגען פאַריגען יאָהר אין דער צײט פּיעל-מעהרער, נאָר צולעגען צום פּרײז האָבּען זײ ניש'ט געװאָלט, פערקעהרט, זײ האָבּען זיך נאָך געפּרובּט דעם פּרײז אַרונטערצודריקען, װאָס האָט זיך זײ הײנטיגס-מאָל ניש'ט אײנגעגעבּען. יעצט הױבּען אָן צו קומען אַנדערע קונדען, מיטעלע, צװישען װעלכע עס געפינט זיך א גאַנץ גרויסע צאָהל עהרענהאַפטע און פּרימאַ-סוחרים און אויף װעלכע עס איז אָנגעװיזען דאָס לאָדזער געשעפט. די דאָזיגע קונדשאַפט פערקױפט שױן די מאַנופאַקטור-סחורות ניש'ט װי דער גרויסער אַנגראָסיסט דעם קלענערען קונדע און קרעמער, נאָר ס'רוב דירעקט דעם געבּרויכער אַלײן, און דערום מוזען זײ שױן צאָהלען א גרעסערן פּרײז װי דער אַנגראָסיסט. אויסער דעם, װי דער מיטעלער קונדע זאָל ניש'ט זײן פּרימאַ און ניט, האָט ער בּײ א לאָדזער פירמע א געװיסען קרעדיט און ער מוז אַרײנטען צו עטליכע פאַבּריקאַנטען. דערבּײ געװינען אויך אונזערע קלענערע פאַבּריקאַנטען, װעלכע האַלטען און טראָגען אין די האַנדעלען בּיז יולי צו די גרויסע קונדען זײערע סחורות און מוסטערען. די גרויסע קונדען טאַפּען און דריקען און פּוּן געשעפט װערט גאַרניש'ט, װײל דער גרויסער קונדע האָט בּײ אונזערע פאַבּריקאַנטען א אונבּעגרענצטען קרעדיט, און מיט אַזעלכע פאַבּריקאַנטען, װאו ער איז ניש'ט זיכער, אַז ער װעט איהם זײן אומשטאַנד די בּעשטעלונגען אויסצופיהרען, װיל ער זיך משוט אין געשעפטען ניש'ט אַרײנלאָזען. דערום ערװאַרט מען איצט גוטע געשעפטען זײ בּײ דעם גרויסען און מיטעלען פאַבּריקאַנט אַזױ אויך בּײ דעם קלענערען. אויך ערװאַרט מען הײ-יאָהר פּיעל פּוּן ניזשנער יריד, װאו מען האָפט פּיעל צו פערקױפען פּוּן די בּיליגע טובען און קאָרבּען, װײל אין אַלגעמײן איז בּײ דער רוסישער קונדשאַפט איצט זעהר װעניג רא פּוּן די דאָזיגע סחורות אויף לאַגער, אויך האָט דער געבּרויכער זעהר װעניג געקױפט אין דער לעצטער צײט און ער נויטיגט זיך אין מאַנופאַקטור. אונזערע פאַבּריקאַנטען מוזען אונבּעדינגט דערום איצט זעהן אויסצונוצען די צײט און צו העכערן די פּרײזען אויף אַלע לאָדזער סחורות, װאָרום אויך די מאָסקװער פאַבּריקאַנטען האָבּען אין די לעצטע טעג געהויבּען דעם פּרײז אויף זײערע אויסאַרבּײטונגען װי אין װאָלענע, האַלבּ-װאָלענע, אַזױ אויך אין רײן-בּױמװאָלענע סחורות פּוּן 10 בּיז 12 פּראָצענט.

אין אַלגעמײן האָט מען הײנטיגע װאָך געמאַכט פּיעל געשעפטען, און בּײ אונזערע גאַרן-הענדלער װי אויך בּײ די סוחרים פּוּן רויהע מאַטעריאַלען איז גאַנץ לעבּעדיג, בּעת װען אין פאַריגען יאָהר אין דער צײט זײנען די פאַבּריקאַנטען מיט מאַטעריאַלען שױן געװען פערזאָרגט און צוגעקױפט נור דאָס נויטיגסטע נעהט דער מסחר איצט מיט רויהע מאַטעריאַלען נאָך גאַנץ נישקשה'דיג.

* *

פּוּן בּױמװאָל-מאַרק.

װי עס איז בּעװאוסט, שפּיעלט בּױמװאָל אין דער טעקסטיל-אינדוסטריע זעהר א גרויסע ראָליע, װאָרום בּױמװאָל װערט אויסער אין רײן בּױמװאָלענע סחורות הײנטיגע צײט אויך פערװענדעט אין פערשײדענע מאַניפּולאַציעס בּײ פערשײדענע הערערן און דאַמען-שטאָפען, פּאַלטענס און אויך אין אַלע סאָרטען טיכער.

און נישט קוקענדיג דערויף, װאָס אַלע לענדער שטרעבּען זיך אין דער הינזיכט צו בּעפרײען פּוּן אַמעריקאַנישען בּױמװאָל-מאַרק, װאו די בּױמװאָל-קולטור איז אַם שטאַרקסטען ענטװיקעלט, האָט זיך דאָס בּיז יעצט ניש'ט אײנגעגעבּען, חאָטש מען פּלאַנצט און בּעציהט בּױמװאָל פּוּן עגיפּטען, כינא, רוסלאַנד אויך פּוּן טורקעסטאַן, פּערסיען א. אַז. װ.

פאַריגע װאָך איז אין פּאַריז אָבּגעהאַלטען געװאָרען א קאָמיטעט-זיצונג פּוּן'ם אונטערנאַציאָנאַלען פערבּאַנד פּוּן בּױמװאָל-שפּינער און אינדוסטריעלער, אויף װעלכער עס האָבּען אַנטײל גענומען פערטרעטער פּוּן אַלע לענדער. דער סעקרעטאַר פּוּן'ם פערבּאַנד האָט געהאַלטען א פאָרטראַג װעגען זײן שטודיעס-רײזע אין אינדיען און אָנגעװיזען אין זײן בּעריכט שטיצענדיג זיך אויף א רײכען צונױפגעקליבּענעם מאַטעריאַל, װי װײט עס איז נויטיג צוליעב דער ענטװיקלונג פּוּן דער אינדוסטריע זיך צו בּעפרײען פּוּן אַמעריקאַנער בּױמװאָל-מאַרק און צו שאַפען קולטור-פּלאַנציונגען אין אַנדערע לענדער. עס איז דערום בּעשלאָסען געװאָרען צו גרונדען אין אינדיען װאו די ערד איז דערצו געאײגענט, א גרויסע בּױמװאָל-פּלאַנטאַציע אונטער דער פיהרונג פּוּן פערבּאַנד מיט א קאַפּיטאַל פּוּן 60,000 פונט שטערלינג. די אינדישע רעגירונג האָט צו דעם צװעק אָבּגעטרעטען דער געזעלשאַפט 7,500 אַקער לאַנד אָהן געלד אויף צװאַנציג יאָהר, דערפאַר װעט די געזעלשאַפט דעם רײנעם פערדינסט, װאָס װעט איבּערשטײגען 10 פּראָצענט, אין פערלויף פּוּן 5 יאָהר איבּערגעבּען דער דאָרטיגער רעגירונג.

ע.

שלום-קופּאָן.

יעדער װאָס שטעלט צו אונז שלום-קופּאָן אין דער אַדמיניסטראַציע פּוּן „לאָדזער טאָגעבּלאַט" אָדער צו אַלע אונזערע אַגענטען און צײטונגס-פערקױפער, האָט דאָס רעכט צו פערלאַנגען אַלע 12 בּענדער פּוּן גרעץ'ס יודישע געשיכטע געבּונדען אין 6 פּראַכט-בּענדען אַנשטאַט פאַר 16.50 נור פאַר 8.60. דער דאָזיגער קופּאָן איז נור גילטיג בּיז צום 7-טען יולי נײ סטיל.

פאָלקס-טריבּונע.

צו די לאָדזער גלאַז-הענדלער.

מיר קלײנע גלאַז-הענדלער פּוּן דאָבּראָװיצקים פּלאַץ און אַנדערע געפינען זיך אין א בּיטערע לאַגע. אונזער אַרבּײט איז א שװערע, װינטער װערען מיר געפרױרען פּוּן קעלט און זומער פאַרבּרענט פּוּן דער היץ און פּוּן אונזער גאַנצער אַרבּײט האָבּען מיר ניט אויף א שטיקעל בּרויט, און מיר קענען ניט דערנעהרען אונזערע אָרמע פאַמיליעס. די סבּה דערפּוּן איז, דאָס װאָס מיר זענען בּיז יעצט געװען צו אַלעם גלײכגילטיג, מיר האָבּען זיך בּיז יעצט זעלבּסט ניט אינטערעסירט צו זוכען א מעגליכקײט צו האָבּען פּוּן אונזער שװערער אַרבּײט א געהעריגע פּרנסה. איצט האָבּען מיר געהאַט א בּעראַטונג, אויף װעלכער עס איז אויסגעאַרבּײט געװאָרען א פּלאַן װי אַזױ צו פערבּעסערן אונזער שװערער לאַגע. דער פּלאַן קען פּיעל נוצען בּרײנגען אונז קלײנע גלאַז-הענדלער. איצט װענדט זיך עס נאָר אָן די איבּריגע, אַז די זאַך זאָל אויסגעפיהרט װערען. מ'דאַרף דעריבּער צונױפרופען א גרעסערע בּעראַטונג אין װעלכער ס'זאָל אַנטײל נעהמען א גרעסערע צאָהל גלאַז-הענדלער.

דאַרום װענדען מיר זיך צו די לאָדזער קלײנע גלאַז-הענדלער מיט א פאָרשלאַג, אַז זײ זאָלען מיטהעלפען צונױפצורופען א גרעסערע בּעראַטונג, בּכדי צו בּעטראַכטען די פראַגען, װאָס האָבּען א שײכות צו אונזער לאַגע. די װאָס װילען ערפאַהרען עטװאָס נעהערער קענען זיך מעלדען בּײ ה' יעקב קלמן פינקלער אויף דאָבּראָװיצקים פּלאַץ.

מיט דרך ארץ,
א גרופּע לאָדזער גלאַז-הענדלער.

פערשײדענעס.

לױט דער פעראָרדנונג פּוּן אינספּעקטאָר איבּער פּרעסע-אַנגעלעגענהײטען זענען קאָנפיסקירט געװאָרען די נומערן 144 און 145 פּוּן דער היגער צײטונג „נאָװי קוריער לודזקי".

— דעם 19 יולי װעלען די היגע טשעכען אין זײער „טשעסקאַ בּיעסיעדאַ" אײנאָרדנען א פײערליכען אָװענד צוליעב'ן יובּילעאום פּוּן זײער נאַציאָנאַלען העלד יאַן הוס.

— דער היגער אײנװאױנער משה שמחה קאַהאַנע (ציגעל גאַס № 11) װעלכער האָט זיך בּעטײליגט אין דער רוסיש-יאַפּאַנישער מלחמה, האָט בּעקומען װאױנרעכט אין גאַנץ רוסלאַנד.

— די אַקציענגעזעלשאַפט „זאַװערצע" האָט אין פאַריגען יאָהר געהאַט 214,450 ר' 26 ק. רײנעם פערדינסט און אויסגעצאָהלט 6% דיװידענד.

דער לאָדזער אינספּעקטאָר פאַר קלײן-קרעדיט, ה' פרײלעבּען האָט פערלאָזט זײן פּאָסטען און איז אַװעקגעפאָהרען קײן װאַרשױ, װער ס'װעט זײן פּאָסטען פערנעהמען איז נאָך ניש'ט בּעװאוסט.

פּוּן „האַרפע".

די פערװאַלטונג פּוּן „האַרפע" בּעט אונז מיטצוטײלען, אַז די פערװאַלטונגס-מיטגליעדער װערען געבּעטען אונבּעדינגט צו קומען מאָרגען שבת פריה ניש'ט שפּעטער װי 10 א זײגער אין לאָקאַל פּוּן פעראײן אויף א אויסערגעװעהנליכע זיצונג אויף װעלכע ס'דאַרפען בּעטראַכט װערען דרינגענדע פראַגען בּנוגע דעם פעראײן.

א גאָרטען-פערװײלונג פּוּן קאַמי-װאָיאַזשאָרען-פעראײן.

זונטאַג, דעם 19 יולי װעט אין העלענענהאָף פאָרקומען א גראַנדיעזער גאָרטען-פערװײלונג לטובת דעם קאַמי-װאָיאַזשאָרען-פעראײן. דאָס פּראָגראַם פּוּן דער פערװײלונג איז זעהר אינטערעסאַנט און געשמאַקפול צוזאַמענגעשטעלט, צװישען אַנדערע שענע נומערן װעט אויסגעפיהרט װערען א פוטבּאָל-מאַטש און אַן עכטער שפּאַנישער אָקסען-קאַמפף.

פּוּן „פּלאַראַ"-טעאַטער.

דאָס פּראָגראַם אויף דער װאָך און װאַריעטע-טעאַטער „פּלאַרע" איז זעהר אינטערעסאַנט און געשמאַקפול צוזאַמענגעשטעלט. א בּעזונדער אינטערעס רופט אַרויס דער אויפטרעט פּוּן דעם בּעקאַנטען שױשפּיעלער-פּאָר הערר און פרױ קוסטון, װעלכע װעלען אויפפיהרען דעם קאָמישען װאָדעװיל „פּעסע די סופראַזשעטקע". אויסער דעם װעט אין קינעמאַטאָגראַף געװיזען װערען די בּערוהמטע דעטעקטיװ-דראַמע „פאַנטאָמאַס" אין 8 טײלען, און נאָך אַנדערע אונטערהאַלטענדע בּילדער.

פּאַרפאַלען.

א שענדליכע טהאַט.

(ג) נעכטען אַרום האַלבּ 11 א זײגער אין אָװענד, האָט אײנער פּוּן די אײנװאױנער אויף פּאָלודניאָװאַ 29 אין קלאָזעט דערהערט א געװײן פּוּן א קינד. ער האָט גענומען זוכען דאָס קינד אָבּער און ערגיץ ניש'ט געקענט געפינען. ער האָט גלײך װעגען דעם מיטגעטײלט דעם סטרוזש אין אײניגע הױז-אײנװאױנער, די לעצטע האָבּען געפינען ליגענדיג דאָס קינד אין קלאָזעט-קאַנאַל. אַרויסצונעהמען פּוּן דאָרט דאָס קינד האָט אָבּער קײנער ניש'ט געקענט. מען האָט דערופען אַרויסגערופען די פײערלעשער און די סאַניטאַריע. די ערשטע האָבּען דאָס קינד, װעלכעס האָט זיך אַרויסגעװיזען פאַר א נײ-געבּוירען יונגעל, אַרויסגעשלעפּט און דער דאָקטאָר פּוּן פּאָגאָטאָװיע האָט עס ערטײלט די ערשטע הילף. די פּאָליציי פיהרט אַן אויספאָרשונג צו ענטדעקען די פערבּרעכערישע מוטער.

שרפות.

(ג) נעכטען אַרום האַלבּ 11 א זײגער אין אָװענד האָבּען די דורכגעהער אויף פּעטריקאָװער גאַס בּעמערקט, װי פּוּן גראָבּוער-געװעלבּ פּוּן י. יאַסקעװיטש אויף פּעטריקאָװער № 27 געהט אַרויס א געדיכטער רויך. מען האָט אויך אַרויסגערופען דרײ אַבּטײלונגען פּוּן די פײערלעשער און מען האָט אויפגעריסען דאָס געװעלבּ. װי ס'האָט זיך אַרויסגעװיזען איז אין געװעלבּ אויסגעבּראָכען א שרפה פּוּן [illegible] בּרענענדיגען מאַטעריאַל. אין פערלויף פּוּן א האַלבּער שעה האָט מען דאָס פײער אײנגעלאָשען.

מיט דעם כּרמל-װײן „בּרזל" האָבּ איך מיך בּענוצט בּײ קימפּעטאָרינס מיט א זעלטענעם אונגלױבּליכען ערפאָלג, אַלס קרעפטיגענדעס מיטעל אָנצוהאַלטען די בּלוטשטילונג און צו פערקלענערן די היץ.

8 609 — דאָקטאָר רײך.

Dr. med. P. Braun

קרוטקאַ-שמאַר, 4, טעל. 85-85

געװ. אַסיסט. פּוּן בּערלינער קליניקען ספּעציאַל-אַרצט פיר הױט-װענערישע- און געשלעכטס-קראַנקהײטען, ספּעצ. בּעהאַנדלונג דעם טריפּער און סיפיליס נאָך די נײעסטע מעטאָדען. עמפּפאַנגט פּוּן 9—1 און פּוּן 5—9, דאַמען פּוּן 3—5. בּעזונדערע װאַרטע-צימער.

5568

POLA PERCZAK
ABRAM RÖDER
Verlobte
Lodz, am 1 Juli 1914.

צור פערלאָבּונג פּוּן אונזער ליעבּען קוזין
אברהם יחיאל זאַמער אויס לאָדז
מיט פרל. חי' װיצענטאָװסקי
אויס קאָנסק.
גראַטולירען הערצליך
און װינשען [illegible]
משה מרדכי זימלער מיט פרוי.
יעקב זימלער מיט בּראַוט.
אפרים פישל װײלער מיט בּראַוט.
מלך יאַקאָבּאָװיטש מיט בּראַוט.
אין די פרײנד:
אַלטער ראָמבּראָװסקי מיט בּראַוט.
און משה װלאָטאָגורסקי מיט בּראַוט.

צו דער פערלאָבּונג פּוּן אונזער קאָלעגע
הערין יאַקאָבּ פּיק
מיט פרײלײן מאַריע רײן
גראַטולירען הערצליך
הערש קעמפּנער,
אברהם הערש נאַסקאָװיטש.
זדונסקאַ-װאָליאַ.

לברית האירוסין של מר
י. מ. קאַפּעלד
עם העלמה מרת א. נאָװאַק
מבּיעים בּרכתם מעמק לבב
אליהו לעשצינסקי, משה ראָזענבּלום
יצחק ראָטענבּערג, ישעיה װיטעלזאָהן

איבּערצוגעבּען
זעהר זאָפאָרט א גוט אײנגעפיהרט טאַבּאַק-געשעפט מיט גוטע קונדשאַפט, אין צענטרום דער שטאָדט. צו ערפאַהרען: פּעטריקױער 27 אין געשעפט. 043

יודען האָט רחמנות
געהענדיג אין באַנקהויז הילעלס לאַנדוי צו צאָהלען א װעקסעל האָט א אָרעמער יתום פערלױרען געשעפטס-געלד 25 רובּל. אָבּצוגעבּען אַלעקסאַנדראָװסקאַ 2 צו יצחק טאַנדעלמאַן. 032

טעאַטער און מוזיק.

גרויסעם טעאַטער.

אין גרויסען טעאַטער װעט מאָרגען פאָרקומען א גרויס טעאַטראַלע געשעהעניש — עס װעט צום ערשטען מאָל אויף דער לאָדזער יודישער סצענע אויפגעפיהרט װערען גראַף טאָלסטאָי'ס לעצטע װערק „דער לעבּעדיגער מת". די דאָזיגע פּיעסע איז, װען זי איז ערשיענען, אויפגענומען געװאָרען מיט גרויס בּעגײסטערונג און איז געשפּיעלט געװאָרען אויף פּיעל רוסישע און אײראָפּעאישע סצענעס.

אין גרויסען טעאַטער װערט די פּיעסע אויפגעפיהרט אונטער דער רעזשי פּוּן ה' װאַקסמאַן, װעלכער שפּיעלט אויך די הויפּט-ראָלע. אין דער פּיעסע בּעטײליגט זיך דער גאַנצער ריעזען-פּערסאָנאַל פּוּן גרויסען טעאַטער.

הײנטיגער סימפאָנישער קאָנצערט.

דער הײנטיגער סימפאָנישער קאָנצערט אין קאָנצערט-גאָרטען פּוּן „טאַנטײפעל" װעט זײן געװידמעט אין גאַנצען בּעטהאָװען'ס װערק. דורכ'ן סימפאָנישען אָרקעסטער אונטער דער לײטונג פּוּן טאַלענטפולען דיריגענט פּראָפ. בּראָניסלאַװ שולץ װעט אויפגעפיהרט װערען בּעטהאָװען'ס קלאַסישע פיערטע בּ-דור-סימפאָניע, װעלכע געהערט צו די שענסטע און מעלאָדישסטע סימפאָנישע װערק פּוּן געניאַלען מוזיקער, א חוץ נאָך אײניגע בּעטהאָװען'ס זאַכען, װעט דער יונגער זעהר פעהיגער יודישער פידעל-קינסטלער ה' סיקערקאַ שפּיעלען בּעטהאָװען'ס „ד-דור"-קאָנצערט.

א פערשטעלונג אין זגערזש.

מאָרגען שבת אין אָװענד װעט אין זגערזש אין טעאַטער „אַלפאַ" פאָרקומען לטובת דעם יודישען האַנדװערקער קלובּ א פערשטעלונג פּוּן אַנ'אַמאַטאָרען-טרופּע, אונטער דער לײטונג און מיט'ן אַנטײל פּוּן ה' ז. װילבּערצהײן. געשפּיעלט װעט װערען הירשבּײן'ס פּיעסע „דער לעצטער יוד" מיט שלום עליכם'ס „עצה".

לעצטע נײעס.

מאָרד און זעלבּסטמאָרד.

לאָזאַנאַ, שװײץ (ספּ. צום ל. ט.) אין דעם היגען אוניװערסיטעט האָט אײנער א סטודענט, א גרעק, װעלכער האָט זיך פערליעבּט אין א קיעװער יודיש מײדעל קאַרעצקאַיאַ, דערװיסענדיג זיך, אַז איהרע עלטערן בּעשטעהען ניט אויף דעם שדוך האָט ער זי און זיך דערשאָסען. בּײדע זענען געפאַלען טױט אויף'ן אָרט.

דערשאָסען א יודען.

אזמאַן (ספּ. צום ל. ט.) א סעקרעטאַר פּוּן דער היגער דװאָריאַנסטװע האָט דערשאָסען דעם יוד פּיאַטינאַרסקי דערפאַר, װאָס ער האָט איהם חושד געװען, אַז ער שרײבּט געגען איהם זשאַלאָבּעס צום גובּערנאַטאָר.

ראָדזיאַנקאָ אויף אַן אַודיענץ.

פּעטערבּורג (פּ.) דער פאָרזיצענדער פּוּן דער גאָסוד. דומע האָט געהאַט דאָס גליק פאָרצושטעלען פאַר זײן מאַיעסטעט דעם קײזער א דאָקלאַד װעגען דער טעטיגקײט פּוּן דער גאָסוד. דומע. די אַלערהעכסטע אױדיענץ האָט געדויערט אײן און א האַלבּע שעה.

קײזער װילהעלם פאָהרט ניט קײן װיען.

בּערלין (פּ.) דער קײזער װילהעלם האָט צוליעבּ א לײכטע שװאַכקײט זיך אָבּגעזאָגט צו פאָהרען קײן װיען אויף דער לויה פּוּן'ם עסטרײכישען קרוינפּרינץ.

מען פאָהרט ניט.

בּערלין (פּ.) די קעניגען פּוּן בּײערן און זאַקסען האָבּען בּעקומען א מיטהײלונג פּוּן װיען, אַז ס'איז בּעשלאָסען געװאָרען, די טרויער-צערעמאָניע צו מאַכען אין א אײנגען פאַמיליען-קרײז. צוליעבּ דעם פאָהרען ניט די דערמאָהנטע מאָנאַרכען קײן װיען.

בּערלין (פּ.) דער פּרינץ הײנריך פּוּן פּרײסען האָט זיך אויך אָבּגעזאָגט צו פאָהרען קײן װיען.

רעדאַקטאָר: י. אונגער.
אַרויסגעבּער: ע. האַמבּורסקי. א. טענענבּוים.

גרויסעם טעאַטער — דיר. י. זאַנדבּערג.

הײנט פרײטאָג צו-נאַכט צוליעבּ דער גענעראַל-פּראָבּע פּוּן שבת'דיגער פּרעמיערע װערט ניש'ט געשפּיעלט.

מאָרגען שבת צװײ פאָרשטעלונגען:

צװײ גאַסטראָלען פּוּנ'ם בּעקאַנטען דראַמאַטישען שױשפּיעלער

מר. מאָררים װאַקסמאַן

1) נאָכמיטאָג 3 א זײגער בּײ זעהר בּיליגען פּרײזען פּוּן 20 בּיז 95 קאָפּ.

נײעס! װערט אויפגעפיהרט צום ערשטען מאָל דאָס בּעקאַנטע מײסטערװערק פּוּנ'ם פּאָפּולערען רוסישען שרײבּער נײעס!

לעװ טאָלסטאָי'ס
לעבּעדיגער מת

הויפּטראָללען: פעדיא פּראָטאַסאָװ — אונזער גאַסט מר. מאָררים װאַקסמאַן

ליזאַ פּראָטאַסאָװאַ — מ' דאַלסקאַיאַ.
אַננאַ פּאַװלאָװנאַ — מ' פּיביך.
סאַשאַ — מ' הײמבּערג.
װיקטאָר קאַרענין — ה' מיכאַלעסקאָ.
סליעדאָװאַטעל — ה' װילבּערבּערג.
פּעטרושקין אַן אַדװאָקאַט — ה' לעדערמאַן.
מאַשאַ א יונגע ציגײנערין — פרל. ס. אריעל.
פירסט אַבּרעזקאָװ — ה' לאַנדוי.
מיכאַיל אַפרעמאָװ — ה' לעבּעדיעװ.
אַלעקסאַנדראָװ — ה' חראַו.
פּיעטושקאָװ א מאָהלער — ה' װאַססערמאַן.
אַרטעמיעװ — ה' מאַלטראָװסקי, און אַנדערע.

אין „לעבּעדיגען מת" אין צװײטען בּילד אין ערשטען אַקט קומט פאָר א שאַנטאַן און עס בּעטײליגט זיך א גרויסער ציגײנער כאָר.

אָריגינעלע ציגײנער-טענץ-אַראַנזשירט פּוּן ה' לעבּעדיעװ.

צום „לעבּעדיגען מת" זענען פערפערטיגט נײע דעקאָראַציעס.

דער „לעבּעדיגער מת" איז רעזשיסירט אין מיז-אַן-סצענע פּוּן מר מאָררים װאַקסמאַן, אויספיהרליכעס אין די פּראָגראַמען.

2) אָבּענדס $8^3/_4$ בּײ געװעהנליכען פּרײזען.

נײעס! צום צװײטען מאָל דאָס בּעקאַנטע מײסטערװערק פּוּנ'ם פּאָפּולערען רוסישען שרײבּער נײעס!

לעװ טאָלסטאָי'ס
„דער לעבּעדיגער מת"

מאָנטאַג ד. 6 יולי (23 יוני) 35-טע פּאָפּולערע פאָרשטעל. פאַר'ן האַנדװערקער-קלובּ

גאַסטראָל דעם בּעקאַנטען דראַמאַטישען שױשפּיעלער

מר. מאָררים װאַקסמאַן

בּילעטען בּײ זעהר בּיליגע פּרײזען בּעקומט מען פּוּן הײנט בּיז מאָנטאַג 5 א זײגער אין טעאַטער און בּײ ה' [illegible] דזשעלנאַ № 2 און אין קלובּ זאַװאַדסקאַ № 5.

מעבּעל
פּוּן 3 צימער אונד קיכע אַבּרעזהאַלבּער זעהר זאָפאָרט צו פערקױפען. בּעשטעהענד: שלאָף און שפּײז-צימער קאַבּינעט-אײנריכטונג אַלעס און איבּער פּאָס װי נײע. צו בּעזיכטיגען נויע-ציגעל-שטראַסע № 29, װ. 7 פּראָנט, 1-טען עטאַזש. 040 3 1

אָבּצאַסען-לעדער
װעלכעס שימעלט נישט און פּוצט זיך גוט בּיליג אויף הורט צו פערקױפען פאַר לעדער-סוחרים און אָבּצוגניקעס. אַלעקסאַנדריסקאַ 13 װ. 51. 034

א יונגערמאַן
17 יאָהר אַלט זוכט א אַנשטענדיגען פּאָסטען, װען ערפאָרדערליך אויך קױציאָן. װאָסלאָדניאַ 18 ראָקאָװסקע. 036 31

טיכער-שנײדערינס
קענען זיך מעלדען אויף יודיש-גאַס 44. 037 1—

א בּיער-שענק
אין א גוטען פּונקט איבּערצוגעבּען, צו ערפאַהרען בּרזעזינער שטר. № 16 בּײ דוד אַקערמאַן. 038

שטאָפּערינס
װערען געזוכט, קאָנסטאַנטינער שטר. 59, בּײ לאַסמאַן. 039 2 1

לערניונגלען
װערען געזוכט, אין דער מעכאַנישער-שלאָסערײ, שרעדניאַ 32. 041

מעדכען צו גוטע װעשע װערען געזוכט, אָגראָדאָװאַ 20 בּײ ש. גוטמאַ. 044 1

בּעקאַנטמאַכונג.
דער אָבּענד װאָס האָט געװאָלט פאָרקומען מאָרגען שבת אין װאַרשויער-װאַל װערט צוליעבּ אומבּעהענגיגע סבּות אָבּגעלעגט. װעגען טאָג פּוּן אָװענד װעט בּעזונדערס אָנגענאָנסירט װערען.
די גרינדער.

Яковъ Гершъ Гросманъ
потерялъ свой паспортъ, выд. маг. пов. Олькушъ, Кѣлецкой губ. Отдать въ полицію. 8 1 054

4-קלאסיגע מיט רעניערונגס-רעכטע העבערע אנפ. שולע
פון וו. י. יעווצעכעוויטש 10 2 5760
В. И. ЕВЦЕХЕВИЧА
(האנסטאנטינער 72)
מאכט בעקאנט, אז די איינטריטס עקזאמענס פאנגען אן דעם 18/31 אויגוסט ווינטער-צייט נעהמט אן דער אינספעקטאר יעדען שבת פון 6—9 אין אווענד אי זונטאג פון 9—13 פארמ. פון אויגוסט הייבט זיך אן א איינטריטס (A קלאסע אין עס ווערען אנגענומען קינדער פון 7 יאהר אן, וועלכע קענען נאך גארניט פראשעניעס ווערען אנגענומען מ ע נ ד י ך פון 5—7 אין אבענד אין דער קאנצעלאריע דארטועלבסט זעגען צו בעקומען בלאנקען פאר פראשעניעס.
שילער, וועלכע ענדיגען א איינקלאסיגע רעגיערונגס-אנפאנגס-שולע, ווערען אנגענומען אין די ערשטע קלאס (דוים א צייגנים).

וואהנונגען צו פערמיעטען

אין פראנצהויז מאגיסטראצקא 8, 2, 3, צימער און קיכע מיט אלע בעקוועמליכקייטען. לופטיגע געגענד, געגענאיבער דער יודישער גימנאזיע

לייענט און אמוזירט זיך!

צוליעב דער גרויסער נאכפראגע איז ערשינען אין א 2-טער אויפלאגע

„מגילת-דאטשע"

פון י. אונגער
העכסט-געלונגענע הומארעסקען, וואו ס'ווערען ארויסגעפיהרט אינטערע-סאנטע טיפען „לעטניקעס" און א גאנצע רייהע קאמישע סצענעס פון דאטשע-לעבען.
פרייז 15 קאפ.
צו בעקומען ביי אלע צייטונגס-פערקויפער.

זגערזש — אין טעאטער „אלפא"

יודישע ליעבהאבער טרופע אונטער דער לייטונג, רעזשי און אנטייל פון זלמן זילבערצווייג
מארגען, שבת ד. 4-טען יולי 1914 9 אבענדס ווערט געגעבען לטובת דעם יודישען האנדווערקער-קלוב 2 נייע פיעסען:
„דער לעצטער יוד" דראמאטישער פראלאג אין 3 אקטען, (4 בילדער), פון פרץ הירשביין.
„אניעצה" סצענע אין 1 אקט פון שלום-עליכם.
בילעטען צו בעקומען ביי די טעאטער-קאסע 030

צו פערמיעטען
2 צימער און קיך מיט בעקוועמליכקייטען און גאז, 3-טער שטאק. פיעטריקאווער 60.

צו פערמיעטען
1 צימער און קיך 3 שטאק פיעטריקאווער שטר. № 16. 3 1

הערען-שניידער-געזעלען
זאלין מיטנייהער ווערען געזוכט צו ערשטע-קלאסיגע מאגאזין-ארבייט, צעגעלניאנא 29 וואהנ. 32. 057

א וואהנונג פון 2 צימער און קיך מיט קארידאר און באלקאן אויפ'ן 2-טען שטאק צו פערמיעטען, שרעדניא 33 צו ערפאה-רען ביים רוטשאנדזע. 052

CASINO

סענסאציאן! פון שבת
דאס צווייטע בילד פון נייעם דעטעקטיוו-סעריע אין 6 טיילען
ראקאמבאלע II סעריע
ראקאמבאלע II סעריע
ראקאמבאלע II סעריע
ראקאמבאלע II סעריע
ראקאמבאלע II סעריע
ראקאמבאלע II סעריע
ראקאמבאלע II סעריע

II-טע סעריע:
ראקאמבאלע
ראקאמבאלע
ראקאמבאלע
ראקאמבאלע
ראקאמבאלע
און פיעל אנדערע בילדער.

סענסאציאן! פון שבת
דאס צווייטע בילד פון נייעם דעטעקטיוו-סעריע אין 6 טיילען
ראקאמבאלע II סעריע
ראקאמבאלע II סעריע
ראקאמבאלע II סעריע
ראקאמבאלע II סעריע
ראקאמבאלע II סעריע
ראקאמבאלע II סעריע
ראקאמבאלע II סעריע

SFINKS

פאלשטענדיג נייעס פראגראם
באנדיטען און מאסקען
גרויסעס דעטעקטיוו-ראמאן אין 4 טיילען.
1) די איבערראשונג. 2) צוזאמענקונפט דער באנדיטען. 3) דער פאטאלער מארד. 4) די הערלענטהאט דעם דעטעקטיוום.
מאקס לינדער און די דאקטארין
אורקאמישע סצענען מיט דעם לאכקעניג אין דער הויפטראלע.
גאמאנד-זשורנאל לעצטע נעשעהעניסען.
פרייזען: 15, 20 און 30 קאפ.

ODEON

פון שבת 2 שלאגער. פראנצעסקא בערטיני (די גרעסטע טראגעדין דער וועלט) אין דעם 3 אקטיגען זיטענדראמא
ווער איז געוועזען איהר פאטער
אויסער פראגראם:
דאס נייע פון „שאטא ריטשמאנד" הימנים
סענסאציאנעלע דעטעקטיוו-דראמא אין 4 טיילען מיט ד. בעריהמטען וויבל. דעטעקטיוו נאבאדי אין דער הויפטראלע.
אבינעם איז א קאנקורענצלאזעס פראגראם.
געוועהנליכע פרייזע.

טעאטער „פלארא" זאווארזקא באלוט 22.
ווער וואלט געוואלט גלייבען? אז טעאטער „פלארא" וועט קענען דאס בעווייזען!
גאנץ קעניגרייך פוילען איז אינטערעסירט, אלע קינעמאטאגראפען רייסען זיך ווענען דיזען בילד, און נאך גרויס מיה און קאסטען איז אונז ענדליך געלונגען צו קריגען אויף נור שבת און זונטאג די גרויסע וועלט
„פאנטאמאס"
קרימינעלע דראמא אין 8 טיילען 2500 מעטער לאנג. די פינפטע סעריע
1) דאס אוועקרייבען די ברילאנטען. 2) פאנטאמאס אנטלויפט פון געפענגניס. 3) דאס ערמארדען דעם סענדזשע. 4) דער פאלשער סענדזשע. 5) אונטער די מאסקע. 6) די פירעל בלוט און טרערען. 7) דאס געפינען די ברילאנטען. 8) פאנטאמאס אנטלויפט ווידער פון די הענד דער פאליציי.
מיי אויך מר. און מרס. קוסטין וועלען אויספיהרען דען קאמישען סקעטש פעסע די סופראזשיסטקע.
היינט פרייטאג די גרויסע וועלט-טראגעדיע אין 6 טיילען דער דועל דיר. ח. קיסעלעווסקי
אנפאנג האלב 10 אבענדס. מארגען שבת צוליעב דען גרויסען פראגראם האלב 3 נאכמיטאג, האלבע בילעטען ווירד נישט נעגעבען, קינדער מוזען האבען בילעטען.

Студентъ медиц. факультета французскаго университета, опытный репетиторъ даетъ уроки по курсу всѣхъ средн. учебн. завед. въ Крашевѣ, Вишневой Гурѣ и окрестности.
Тамъ-же гимназистка 7-го кл. готовитъ по курсу гимназіи.
Узнать: Крашевъ дача Мруза 3-ій домъ въ Крашевѣ. 5 5 746

צו פערמיעטען
2 גרויסע צימער עט קיכע מיט 6 פענ-סטער 3-טער שטאק, 1 צימער עט קיכע, 1 געהעלב מיט וואהנונג. קאנסטאנטינער שטר. 40. צו ערפאהרען ביים פערוואלטער יעדען טאג פון 1 ביז 3 נאכמ. 1 026

א געמייערטע רעמיזע
מיט אמוערנע מיערען און געהעלבט אויך הויפע קעלער-שטובען מיט עלעקטרישע בעטריעב און בעלייכטונג צו פערמיעטען. פעטריקויער 38.

א פראנט-לאדע
מיט שעהנעם שויפענסטער און 2 איינגענג אויף וואונש אויך מיט אנגרענצענדע צי-מער צו פערמיעטען פון יולי. פעטריקויער שטר. 36. צו ערפאהרען ביים פערוואלטער.

ביליג צו פערקויפען
א גוט קאמפלעט נייע קיכען-איינריכטונג זעהר געניצעטעס שלאפצימער אויך איין נאז-אוהרע. צו זעהען פאלודניאווע 20 וואהנ. 22. 3 3 5790

פעטריקויער 15 טעאטער „אפטיק-פאריזיען" פעטריקויער 15
פון מארגען שבת וועט צווישען אנדערע בילדער געוויזען ווערען א געוואלדיגע דעטעקטיוו-דראמא אין 4 גרויסע טיילען
די באנדע געלד-פעלשערס
קומט און איבערציינט אייך! נאך ניע דא געוועזענעס!

בעקאנטמאכונג.

היערמיט מאך איך בעקאנט דעם געעהרטען פובליקום פון לאדז און אומגעגענד, אז מיין
מאגאזין פון וויין און דעליקאטעסען
וועלכער האט זיך געפונען פעטריקויער 69 איז איבערטראגען אויף
113 פעטריקויער 113 הויז בעהמע.
פיליאלען: 1) פעטריקויער 193 2) פעטריקויער 17
האכאכטענד א. פ. משקוויאנאוו. 5809



העלענענהאף

מארגען שבת, דעם 4-טען יולי
נאכמיטאג-קאנצערט
פון סימפאנישען בלאז-ארקעסטער פון ווארשויער פייער-לעשער אונטער דער לייטונג פון הערן א. שיעלסקי.
אנפאנג 4 אוהר. ענטרעע 25 און 10 ק.
זונטאג דעם 5-טען יולי פריה-קאנצערט — אנפאנג 7 אוהר. — ענטרעע 15 און 5 קאפ.

2 צימער אונד קיכע
צו פערמיעטען פון 1/14 יולי אויף וואל-משאנסקא 52. 1 3 050

לאדען-איינריכטונג
ביליג צו פערקויפען, ביי ג. בעכלער קאנסטאנטינער 28. 051

א יונגעל אין א בוכהאנדלונג געזוכט, פעטריקויער 309 ביי מ. קליין. 046

ס'ווירד וואכערט געזוכט פוצמאכערינס ביי ארמליג, נאוואמיעסקע 2. 049

אין דער קנאבען-שולע פון
יצחק גאלדבערג
(צעגעלניאנא 59)
וועט דעם גאנצען זומער כסדר געלערנט ווערען. אנמעלדונגען פון ניע שילער מעגליך ביז 3 אוהר נ. מ. 053

2 יונגע-לייט
זוכען בעשעפטיגונג צו וואס עס איז. צו ערפאחרען בעם צייטונגס-פערקויפער רוג וואלטשאנסקא און פאלודניאווע בעי דער אפטייק.

לערן-מעדכען
אונד צאהל-מעדכען ווערען געזוכט. ראזוואדאווסקא 13. וו. 23. 048 2 1

פערלוירען געווארען
א בעמעלע מיט געלד, רוג פעטריקויער און נייער-רינג בעם ארויפגעהען אויפ'ן טראמוויי, דאוו! לאמבארד-קוויטען 56425 און 114234 און א קוויטונג פון דער עלעקטראווניע. דער ווערען פאר אונגלייכט ערקלעהרט. אפצופרעגען געגען בעלאה-נונג שרעדניא 71 אין פרוכטען-געשעפט. 047 1—

צו פערקויפען
בופעט, טיש, שפיגעל, אטאמאן און טיש-לאמפע. מרוטקא 5. צו ערפראגען ביים סטרוזש. 983 3 3

א גרויסער פערדינעסט.
עס ווערדען געזוכט מיטלגע שטאדט-פער-קויפער צו פערשפרייטען א אויסלענדישע שוה-פוץ-מיטעל נאוואמיעסקע 17, פראנט 2-טער שטאק, וו. 4. 4-4 612

קאלאניאל-לאדען-איינריכטונג
ביליג צו פערקויפען ביי דונקעלמאן, זאקאנטנא 30. 7008

2 צימער עט קיכע
מיט בעקוועמליכקייטען 3-טער שטאק פון 1-טען יולי צו פערמיעטען. פאלודניאווא שטר. 30. 7020 1

סחורה איז לאמבארד
20 פאלודניאווא
צו פערקויפען 700 ארשין שטרייכ-גארן אונד 3000 ארשין בוימוואלענע בונטע, בעזאנדערס ווירד געבארגט געלד אויף אלערליי סחורות צו ערמעסיגטע צינז. 5800

א איינריכטונג
פון א אויבסט געשעפט ביליג צו פערקויפען אין גוטען צושטאנד. צעגעלניאנא 50, וו. 16. 011 3 2

אהדין מיט א פלאץ צו פער-קויפען, זשיטניא 16 בעי לוטאמירסקא, צו ערפאהרען אויפ'ן ארט. 748 3 3

Pokój z całodziennem utrzymaniem dla przyzwoitego mężczyzny (Izraelity) zaraz do oddania. Pańska 99, mieszk. 7. 7003 2 2

Шляма Абрамовъ Рубиновичъ потерялъ свой паспортъ, выдан. маг. гор. Петрокова. Отдать въ полицію. 988 3 3

Файвушъ Гершонъ потерялъ свой паспортъ, выдан. маг. гор. Лодзи, Отдать въ полицію. 996 3 3

וויכטיג פאר היטען-פוצערינס
איין ספעציעלע פאדרענטשנע וועלכע קען שעהן היטען פוצען ווערט באלד געזוכט ביי ש. ראטשטאן, נאוואמיעסקא 8. 058

LUNA

היינט 3½ שטונדיגעס פראגראם
הערפארראגענדעס רוסישעס דראמא
אין 6 טיילען מיט
אסטא ניעלסען
אין דער הויפטראלע
און אנד. זעהר אינטערעסאנטע בילדער.
מארגען
גרויסעס סענסאציאנס-פראגראם.

העלענענהאף.

זונטאג ד. 5 יולי ד. י. וועט פארקומען
א גרויסע גארטען-פערוויילונג
צום גונסטען פון די לאדזער פרייווילליגע פייערלעשער
מיט א רייכהאלטיגען פראגראם: קאנצערט פון 3 אר-קעסטער מיט א חאר, פערשידענע פערוויילונגען און איבעראשונגען, פייערלעשער ביידלעך, א. ז. וו. אויפ'ן טאר, פרעכטיגע דעקאראציאנען, רומענישע שפיעלע, (איבער 100 פערזאנען אין אריגינאל-קאסטיומען). אבענדס: שעהנע קינסטליכע און בענגאלישע פייער.
בראנד אין ארומישער געגענד
דורכגאנג מיט לאמפיאנס מיט אנטייל פון פובליקום.
אנפאנג אום 2 אוהר. ענטרעע 50 ק. קינדער און שילער 25 ק. צייכנונגען אין די פראגראמען. 5809